STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02077

90 GEKLIBENE YUDISHE FOLKS LIDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

90

געקליבענע יודישע

פאלקס לידער

מיט נאטען

אין דעם בוך געהן אריין די בעסטע און בעריהמסטע לידער וואס ווערען איבעראל געזינגען פון אלע גרעסטע יודישע פאלקס זינגערס ווי:

רודינאוו, רות לעוויאש, ווינאגראדאוו, קיפניס, זעליגפעלד, דאווידאוו, סיביריאקאוו און נאך פיעל אנדערע

פרייז 50 — 1 זל.

1926

90

געקליבענע יודישע

פאָלקס לידער

מיט נאָטען

אין דעם בוך געהן אַריין די בעסטע און בעריהמסטע לידער
וואָס ווערען איבעראַל געזינגען פון אַלע גרעסטע יודישע
פאָלקס זינגערס ווי:

רודינאוו, רות לעוויאש, ווינאָגראַדאָוו,
קיפּניס, זעליגפעלד, דאַווידאָוו,
סיביריאַקאָוו און נאָך פיעל
אַנדערע

פערלאַג מ. גאָלדפאַרב וואַרשא

אינהאלט-פערצייכעניס:

זייט

דער רבי אלימלך, (טעקסט) פאָלקס-ליד 3
" " " (נאָטען) 4
אין זאלציגען ים, ז. ציִנאָני 6
מארגעריטקעלעך, ז. שניאור 7
קדיש, ר' לוי יצחק מבארדיטשעוו 8
עלענד, (נאָטען) 9
" (טעקסט) א. רייזען 10
רבונו של עולם הורא, פאָלקס-ליד 11
א דודעלע " 12
מאיר'קע מיין זוהן " 12
געה איך מיר שפאצירען " 13
די משקה (נאָטען) 14
" " (טעקסט) " 15
א חוג'דעל אויף שבת " 17
דער נייער שער " 17
די בייקע " 18
דער שניידער, (נאָטען) 19
" " (טעקסט) ש. אנ—סקי 20
די מעזינקע אויסגעגעבען, מ. ווארשאווסקי 21
נסים ונפלאות, (נאָטען) 22
" " (טעקסט) פאָלקס-ליד 23
ער זאָל לעבען " 24
די אלטע קשיא " 24
וואָס-זשע ווילסטו מיין טייער קינד " 25
דער בעל עגלה, י. ל. פרץ 26
חשבון צדק, פאָלקס-ליד 27
פאָהרט א יוד קיין ארץ-ישראל " 27
א פאסטוכ'ל " 28
הוליעט, הוליעט, א. רייזען 29
זיי א שוץ מיר, ח. נ. ביאליק 29
די חנוכה ליכט, מ. ראָזענפעלד 30
" " (נאָטען) 31
טייערע מלכה (נאָטען) 32
" " (טעקסט) פאָלקס-ליד 33
שלאָף מיין קינד, שלום עליכם 34
יעדער האָט געהערט מן הסתם, פאָלקס-ליד 35
נאטאשא (נאָטען) 36
" (טעקסט) פאָלקס-ליד 38
דער טאטע און די קינדער, פאָלקס-ליד 40
קאטערינא, פאָלקס-ליד 40
מיקיטקא; אוקראינישׁ פאָלקס-ליד 41
צוויי טראָיקעס, ש. פרוג 42
דאָס געבעט, י. ל. פרץ 44
מיין רוה-פלאץ, מאריס ראָזענפעלד 44
אז דער רבי ווינט, פאָלקס-ליד 45

זייט

מיט א נאָדעל און אָחן א נאָדעל 46
צו א בּאָרוועסער מיידעלע, מ. ראָזענפעלד 47
רויטע עפעל, פאָלקס-ליד 48
הערבסט-ניגון (נאָטען) אברהם רייזען 49
די נביאה, (נאָטען), 50
נחומ'קע מיין זוהן, פאָלקס-ליד 51
א וואלאכל לאָמיר זינגען " 51
דאָרט ווי די צעדער " 52
פון וואנען קומט א יוד " 52
א טרעהר אויפ'ן אייזען, מ. ראָזענפעלד 53
דאָס בוימעלע (נאָטען) 54
דאָס בן-יחיד'ל (נאָטען) 55
די שבועה (פועלי-ציון) 56
גבאי וואָס וויל דער רבי? פאָלקס-ליד 56
קומט דער ליבער זומער " 57
ווי אזוי לעבט דער קייסער? " 58
אונטער דעם קינדס וויגעלע " 59
ציפקע פייער (נאָטען) 60
" " (טעקסט) פאָלקס-ליד 61
זאָלסט נישט געהן מיט קיין פאטשעיאָווער
מיידלעך, פאָלקס-ליד 63
ווען דו וואָלסט געווען דער בורא-עולם 63
אברהם'עלע מלמד, פאָלקס-ליד 64
דריי שוועסטער, מאָריס ווינטשעווסקי 65
פאָ חאפידאצקאָמו, פאָלקס-ליד 66
מיר ברעכען, אברהם רייזען 67
די משומדת'טע (נאָטען) 68
" פאָלקס-ליד 69
וואָס וועסטו טון אין פאלעסטינע? פאָל.-ליד 71
דאָס חלוצ'ל, פאָלקס-ליד 72
שא, שטיל, די רביצין געהט! (נאָטען) 73
" " " "חסידיש פאָלק. 74
דער רבי איז איבער'ן ים געפאָהרען " 75
אויף דער זאוואדזקע, פאָלקס-ליד 75
אין דרויסען, מאמעליו, האָט זיך
פערכמארעט, " 75
סלושאי! ש. אנ—סקי 76
לאָמיר אלע אין איינעם, פאָלקס-ליד 77
א גדר (קופלעט, נאָטען) פאָלקס-ליד 78
די דומהייט, י. באוושאָווער 79
און דו אקערסט און דו זייעסט, פאָלקס-ליד 79
פאָ טים באצי דונאיו " 80
לכבוד דעם הייליגען שבת " 80
מאטקא קאזאלא ארזשעכווו אורוואטש 81
אי"ה בּים רבי'ן, פאָלקס-ליד 81

דער רבי אלימלך.

פאָלקסליד.

אַראַנזשירט פאַר סאָלאָ, כאָר און קלאַוויר פון ח. גלעזער און ד. גורוויטש.

Introduction Allegro,

אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פידלער די צוויי.

2 מאָל
און אַז די פידלדיקע פידלער
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק געפידלט, האָבן זיי.

און אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן מער פריילעך,
איז געוואָרן מער פריילעך אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל
און אָנגעטאָן די היטל
און געשיקט נאָך די פייקלער די צוויי.

2 מאָל
און אַז די פייקעלדיקע פייקלער
האָבן פייקעלדיק געפייקעלט,
האָבן פייקעלדיק געפייקילט, האָבן זיי.

און אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן שטאַרק פריילעך
איז געוואָרן שטאַרק פריילעך אלימלך,
האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה
און האָט דעם שמש נפתלי
געשיקט נאָך די צימבלער די צוויי.

2 מאָל
און אַז די צימבלדיקע צימבלער
האָבן צימבלדיק געצימבלט,
האָבן צימבלדיק געצימבלט האָבן זיי



באַמערקונג: צו ערשט ווערט געזונגען לאַנגזאַם וואָס ווייטער אַלץ גיכער און שטאַרקער.


pp


ff
C.S

אין זאַלציגען ים.

אין זאַלציגען ים פון די מענשליכע טרעהרען
געפינט זיך אַ שרעקליכער תהום;
ער קען שוין נישט טיעפער נישט פינסטערער ווערען
איהם צייכענט אַ בלוטיגער שטראָם...

דעם תהום האָבען טויזענדער יאָהרען געגראָבען
אמונה אין שנאה און פיין,
און טויזענדעך יאָהרען אַלץ טראָפּען נאָך טראָפּען,
עס גיסען זיך טרעהרען דעריין.

און פול איז דער תהום... דאָס איז יודישע טרעהרען
נאָר האָט נישט קיין טעות אין זיי:
אַ בלוטיגע טרעהר טהוט דעם קברן געהערען,
דעם נגיד—אַ ווייסע ווי שניי.

נאָר אייך בעל־מלאכות, אביונים, קבצנים,
געהערט דאָך דער בלוטיגער תהום,
און אייערע „ברידער", די רייכע גזלנים,
געהערט גאָר פון אויבען דער שום.

שוין פול איז דער ים און פערפּלייצט אַלע ברעגען
וואו זענען די העלדען, די לייט,
די, וועלכע זיי וועלען זיך מוטיג דערוועגען
צו וואַרפען אין תהום און שפּרייט?

דעם אַרבייטער ווער־זשע וועט ענדליך דערלייזען
פון הונגער און אייביגע לייד?
און ווער וועט דעם וועג איהם צו פרייהייט בעווייזען
צו ברידערשאַפט, גלייכהייט און פרייד?

די גבירישע קינדער, משכילים, רבנים—
זיי רופען אין ציון דעם יוד,
אַ לידעל אַנ׳אַלטעס פון אונזערע שונאים:
„אַ געטאָ דעם אייביגען זשיד"!

מאַרגאַריטקעלעך.

אין וועלדעל בּיים טייכעל, דאָרט זענען געוואַקסען
מאַרגאַריטקעלעך, עלענט און קליין—
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלען,
מיט ווייסינקע טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

געגאַנגען איז חוה׳לע שטיל און פער׳חלום׳ט,
צולאָזען די גאָלד-בלאָנדע צעפּ—
דאָס העלזעל אַנטבּלויזט און געמורמעלט-געזונגען
אַ לידעלע: טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

עס קומט איר אַנטקעגען אַ בּחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקען מיט שוואַרצע, ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגען און ענטפערט איר לוסטיג,
און ענטפערט איר: טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—וואָס זוכסטו דאָ, מיידעל? וואָס האָסטו פערלוירען?
וואָס ווילסטו געפונען אין גראָז?
„איך זוך מאַ׳גאַריטקעס"—פאַררויטעלט זיך חוה,
פאַררויטעלט זיך טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקי געפונען
די שענסטע מאַרגאַריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגאַריטקע מיט צעפּ און מיט אויגען סאַפּירען,
מיט אויגעלעך טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—ניין, כ׳האָב שוין מאַרגאַריטקעס, איך האָב זיך פאַרגעסען—
איך זוך... דאָ נישט ווייט אין אַ קוואַל...
דער קוואַל איז געשלאָסען, אָן מיר בּלייבּסטו דורשטיג,
בּיים קוועלכעלע טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—איך וויל גאָרנישט טרינקען, איך זוך מיר אַ שאָטען
די זון בּאַקט אַריין אַזוי הייס...
—מיינע האָר זענען שוואַרצער און קילער ווי שאָטענס
אין וועלדעלע טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—אָ, לאָז מיך, מען טאָר נישט; די מאַמע זאָגט, מ׳טאָר נישט
מיין מאַמע איז אַלט און איז בּייז.

—וואו מאַמע? וואָס מאַמע? דאָ זענען נאָר בוימער,
נאָר בוים, לעך טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—„מען זעט"—קיינער זעט נישט, „מען הערט"!—קיינער הערט נישט
דאָס וועלדעל איז בלינד און געדיכט...
אומאַרעם מיך, זיסס, דו זעסט, איך בין רואיג
איך קוש דיך נאָר—טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

—דו ליבסט מיך?—„איך ליב דיך"—„דו שעמסט דיך"?—
„איך שעם מיך"!

—אָ, ליב מיך און שעם דיך און שווייג,
און זע ווי עס מישען זיך פעך-שוואַרצע קרויזען
מיט גאָלדענע... טראַ-לאַ-לאָ-לאָ.

די זון איז פערגאַנגען, דער בחור—פערשוואונדען
און חוה'לע זיצט נאָך אין וואַלד,
זי קוקט פון דערווייטענס און מורמעלט פאַר'חלום'ט
דאָס לידעלע: טראַ-לאַ-לאָ-לאָ...

קדיש.

גוטער מאָרגען דיר, רבונו של עולם!
איך, לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו,
בין איך געקומען צו דיר מיט אַ דין תורה פון דיין פאָלק ישראל
וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל?
וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל?
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז אמור אל בני ישראל
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז צו אל בני ישראל,
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז דבר אל בני ישראל,
טאַטעניו! כמה אימות יש בעולם: פרסים, בבלים, אדומים.
די רוסלענדער וואָס זאָגען? אַז זייער קייזער איז קייזער:
די דייטשלענדער וואָס זאָגען? אַז זייער מלכות איז מלכות:
און די ענגלענדער וואָס זאָגען? אַז זייער מלכות איז קייזער.
און איך, לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, זאָג
יתגדל ויתקדש שמי רבה!
און איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו זאָג: לא אזוז פה ממקומי
איך וועל מיך פון אָרט נישט רירען, און אַ ע'ק זאָל דאָס נעמען
און אַ סוף זאָל צום גלות נעמען, יתגדל ויתקדש שמי רבה!

עלנד

טעקסט פון אברהם רייזין.

מוזיק פון חנן גלעזער.



און שטיל איז אין צימער
די נאַכט איז שוין שפּעט,
און שרעקעדיק קוקט
אין ווינקעל צום בעט.

און שרעקעדיק קוקט ער
דאָס האַרץ אַזוי ציט —
און שרעקעדיק דאַכט ער:
זיך לייגן צי ניט?

עס קוקט דורך די שויבען
די גאַכט שוואַרץ אַריין,
און וויקעלט אין עלנד
אין טרויער אים איין...

די נאַכט קוקט אין פענסטער
אַזוי ווי זי היט...
און בענקענדיק קלערט ער:
זיך לייגן, צי ניט?...

רבונו של עולם הורא!

און אַז משיח וועט קומען,
וועט אונז דאָך אַלעמען ווערען בעסער;
און וויין און בראָנפען
וועלען מיר טרינקען פון די פעסער.
און ווער וועט דאָס אַלץ צוזען
דאָס הייליגע פאָלק ישראל.
און טאַקע איך אויך:
אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, געצעלע מיכאל.
און מיר וועלען גאָך אַלע שרייען:
רבונו של עולם, הורא!
רבונו של עולם, הורא!

און אַז משיח וועט קומען,
וועלען מיר דאָך נישט דאַרפען גיין אין סאָלדאַטען;
און סענדער דער האָטשינער
וועט האָבען דעם פסק פון זיין טאַטען.
און ווער וועט דאָס אַלץ צוזען?
דאָס הייליגע פאָלק ישראל,
און טאַטע איך אויך:
אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, געצעלע, מיכאל,
און מיר וועלען נאָך אַליין שרייען:
רבונו של עולם, הורא!
רבונו של עולם, הורא!

און אַז משיח וועט קומען,
וועלען מיר דאָך גיין אין אונזער הייליגען לאַנד
און אַלע אונזערע שונאים
וועלען בלייבען צו שפּאָט און צו שאַנד.
און ווער וועט דאָס אַלץ צוזען?
דאָס הייליגע פאָלק ישראל, און טאַקע איך אויך:
אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, געצעלע מיכאל,
און מיר וועלען נאָך אַלע שרייען:
רבונו של עולם, הורא!
רבונו של עולם, הורא!

א דודעלע.

רבונו של עולם, רבונו של עולם, רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, כ'וועל דיר א דודעלע זינגען!
דו-דו-דו-דו-דו—

איה אמצאך, ואיה לא אמצאך?
וואו קאָן איך דיך יאָ געפונען,
און וואו קאָן איך דיך נישט געפונען?
דו-דו-דו, דו-דו—

אַז וואו איך גיי—דו! און וואו איך שטיי—דו!
רק דו, נאָר דו. ווידער דו, אָבער דו—
דו-דו-דו, דו-דו!

איז עמיצען גוט—דו! חלילה שלעכט—אי דו
אי, דו-דו-דו-דו-דו! דו-דו-דו-דו-דו-דו!

מזרח—דו, מערב—דו! צפון - דו, דרום—דו
דו-דו-דו' דו-דו-דו, דו-דו-דו!

שמים—דו, ארץ—דו, מעלה—דו, מטה—דו!
דו-דו-דו, דו-דו-דו.

דו-דו-דו, דו-דו-דו, דו-דו-דו!
וואו איך קער מיך וואו איך ווענד מיך—דו—דו!!

מאירקע מיין זוהן.

מאיר'קע מיין זוהן מאיר'קע מיין זוהן,
מאיר'קע מיין זוהן,
צי ווייסטו דער דו ביסט? (ביס)

—הנני העני ממעש, טאַטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו.

מאיר'קע מיין זוהן א. אַ. וו.
צי ווייסטו פאַר ועמען דו שטייסט? (ביס)
—לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו א. אַ. וו

מאיר'קע מיין זוהן א. אַ. וו.
וואָס ווילסטו אויסבעטען ביי אים? (ביס)
—בני חיי מזוני, טאַטעניו, א. אַ. וו.

מאיר'קע מיין זוהן א. אַ. וו.
צו וואָס דאַרפסטו בני? (ביס)
—בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו א. אַ. וו.

מאיר'קע מיין זוהן א. אַ. א.
צו וואָס דאַרפסטו חיי? (ביס)
—כל החיים יודוך, טאַטעניו א. אַ. וו.

מאיר'קע מיין זוהן א. אַ. וו.
צו וואָס דאַרפסטו מזוני? (ביס)
—ואכלת ושבעת וברכת, טאַטעניו א. אַ. וו.

געה איך מיר שפּאַצירען.

גיי איך מיר שפּאַצירען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
גיי איך מיר שפּאַצירען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
באַגעגענט מיך אַ הער—אַהאַ!
באַגעגענט מיך אַ הער—אַהאַ!

ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער—אַהאַ!
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער—אַהאַ!

דער זומער איז געקומען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
דער זומער איז געקומען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער האָט מיך נישט גענומען—אַהאַ!
ער האָט מיך נישט גענומען—אַהאַ!

די משקה





איך וויל דיר משקה, ערליך האַלטן,
און שטיין פֿאַר דיר, ווי פֿאַר אַנ׳אַלטן.
איך וויל דיר האַלטן ערליך משקה,
ווייל איך דאַרף דאָך דיין לאַסקע.
איך וויל דיר האַלטן, ערליך, משקה,
ווייל איך דאַרף דאָך, דיין לאַסקע! | כאָר ביס

איך געדענק, אַז דער שדכן, איז געקומען צו מיין זיידן,
מיין טאַטן, מיט מיין מאַמען, אַ שידוך ריידן,
האָט ער גערעדט, און גערעדט, און גערעדט אומזיסט,
ביז די משקה, האָט זיך אַריין געמישט,
און ווי באַר מ׳האָט אריינגעגאָסן,
איז געוואָרן דער טאַטע, דער מאַמעס חתן! | כאָר ביס

איך געדענק, ביי מיר אויפ׳ן ברית,
איז די משקה ניט אַראָב פון טיש.
מ׳האָט געטרונקען און געווינשן מזל-טוב.
דאָס קינד זאָל וואַקסן און זיין אַ רב.
און פון דאַמאָלס אָן טרינק איך אַ רוב כוס,
און דאָס רוב, אָן אַ מאָס! | כאָר ביס

איך געדענק, אַז מ׳האָט מיר, אין חדר געפירט.
האָט מען גענומען, אַביסעלע שפּירט.
און דער רבי אַליין ר׳ העשל,
האָט דאַן געלאָקטשעט פון גאַנצן פלעשל.
און איך האָב אין חדר, געטאָן גאָר אַ פּעולה,
טרינקען בראָנפן גאָר אַ פולע!
כאָר ביס

ביי מיר אויף דער בר־מצוה, האָב איך געזאָגט אַ דרשה:
אַז טרונקען בראָנפן, איז גאָר נישט קשה.
און אַלע האָבן מיין דרשה אויסגעהערט,
און אַלע ווילע אַריין געקערט.
דאַרום ברידער, אָרים און רייך,
לאָמיר טרינקען, אַלע גלייך!
כאָר ביס

ביי מיר אויף די תּנאים,
האָט מען געטרונקען, ווי די גוים.
מ׳האָט דאַן אַ טעלער צובראָכן,
און די משקה איז פון טיש נישט אַראָפּגעקראָכן.
חאָטשבע איך בין אַליין געווען דער חתן,
האָב איך אַלע ווילע, אַריין געגאָסן!
כאָר ביס

אַז מ׳האָט מיר צו דער חופּה געפירט,
האָט מען גענומען, אַביסעלע שפּירט.
און ד״ר רב האָט דאַן געזאָגט די ברכות,
און אין בעכער איז געבליבן אַ קדחת.
און איך בין געשטאַנען, ווי דער וואוילער יונג
און געלעקט דעם בעכער מיט דער צונג!
כאָר ביס

גלייך נאָך דער חופּה, האָב זיך גענומען מיט דער ווייב קריגן,
האָט מען אונז געשיקט, צו איין גוטן־יידן.
דער גוטער־ייד האָט געגעבן איין שמירה:
מיר זאָלן אַרויס אין איין נייע דירה.
און דאָרטן אין דירה האָב איך מיין ווייב ניט געהערט
און אַלע ווילע, אַריין ג־ע־ק־ע־ר־ט!
כאָר ביס

א חזן אויף שבת.

ציז געקומען אַ חזן אין אַ קליין שטעטל דאַווענען אַ שבת,
דאַווענען א שבת,
זענען איהם געקומען הערען די דריי שענסטע בעל-הבתים
פון דעם שטעטעל,
די דריי שענסטע בעלי-הבתים פון דעם שטעטל:
איינער אַ שניידערל, דער אַנדערער אַ קאָוואַלטשיקל
און דער דריטער אַ בעל-עגלה'טשיקל,
רופט זיך אָפּ'עט דאָס שניידערל, רופט זיך אָפּ'עט דאָס שניידערל:
אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט
אזוי ווי מען גיט מיט'ן נאָדעל אַ שטאָך און מיט'ן אייזען אַ פרעס
אוי איז דאָס אַ חזן!
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט!

רופט זיך אָפּ'עט דאָס קאָוואַלטשיקל, רופט זיך אָפּ'עט דאָס קאָוואַלטשיקל
אוי. אוי, אוי האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט!
אזוי ווי מען גיט מיט'ן האַמער אַ זעץ
און מיט קלעשטשעס אַ קוועטש
אוי איז דאָס אַ חזן!
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט

רופט זיך אָן אָפּ'עט דאָס בעל-עגלה'טשיקל, (צוויי מאָל)
אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט,
אַזוי ווי מען גיט מיט די לייצעס אַ צי!
און מיט'ן בייטשעל אַ כוואָשטש, וויאָ;
אוי איז דאָס אַ חזן,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט!

דער נייער שער.

שפּילט זשע מיר דעם נייעם שער, וואָס איז אַרויסגעקומען;
איך האָב מיך פאַרליבט אין אַ יונגעלע אַ שיינעם
און קאָן צו איהם נישט קומען,
איך וואָלט צו איהם געקומען, זיצט ער זעהר ווייט,
איך וואָלט דאָך איהם אַ קוש געגעבען, שעם איך מיך פאַר לייט,
נישט אַזוי פאַר לייט, ווי פאַר גאָט אַליין.
איך וואָלט מיט איהם פערבראַכט די צייט, אַז קיינער זאָל נישט זען,

שפילט זשע מיר דעם נייעם שער וואָס איז ארויסגעקומען;
איך האָב מיך פאַרליבט אין אַ יונגעלע אַ שיינעם,
און קאָן צו איהם נישט קומען.
קום זשע צו מיר גיכער, איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג,
קום זשע גיך אַריבער, מען זאָל נישט הערען דיין גאַנג.
פיר איך דיך אין שטיבעלע פון מיין מאַמען אַליין:
חתן-כלה וועלען מיר זיין, און צו דער חופה גיין.

די בייקע.

דער טאַטע איז געפאָהרען אין באַלטע, (צוויי מאָל)
האָט ער מיר געקויפט אַ בייקע,
האָט ער מיר געקויפט אַ בייקע.

וויפיל האָט ער בעצאָהלט פאַר דער בייקע, (צוויי מאָל)
צוויי מיט אַ האַלבען טאָלער, מאַמע, דייקע,
האָט ער באַצאָלט פאַר דער בייקע.

ווער וועט דיר נייען די בייקע? (צוויי מאָל)
שרה די מאָדיסטקע, מאַמע, דייקע,
זי וועט מיר נייען די בייקע.

ווען וועסטו אָנטון די בייקע? (צוויי מאָל)
שבת נאָכ'ן קוגעל, מאַמע, דייקע
וועל איך אָנטון די בייקע.

וואו וועסטו גיין מיט דער בייקע? (צוויי מאָל)
אין דעם גריגעם וועלדעל, מאַמע, דייקע
וועל איך גיין מיט דער בייקע.

מיט וועמען וועסטו גיין אין דער בייקע? (צוויי מאָל)
מיט אַ שיינעם בחור, מאַמע, דייקע
וועל איך גיין אין דער בייקע...

וואָס וועט זיין דער סוף פון דער בייקע? (צוויי מאָל)
ער וועט מיר טאַקע נעמען, מאַמע, דייקע,
דאָס וועט זיין דער סוף פון דער בייקע.

ש. אנ־סקי

(שלמה ראַפּאָפּאָרט).

געבאָרן אין 1863 יאָר אין וויטעבסק,
געשטאָרבן אין 1920 יאָר אין וואַרשע.

דער שניידער:

טעקסט פון ש. אַנ—סקי.

מוזיק פון חנן גלעזער.



די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדן ווינקל—מיסט און קויט
ס'איז פינסטער, אומעטיג און קאַלט—
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט...

דער שניידער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מוח דרייט:
ס'איז גרויס די נויט
נישטאָ קיין ברויט
נישטאָ קיין ברויט!

דער פּנים געל, פאַרצאָגט פאַרטראַכט,
די נאָדל רודערט טאָג און נאַכט!
פון צייט צו צייט אַ פוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנד, רייכט אויף די ברוסט...

דער שניידער נייט א. ז. וו.

וואָס טוסטו שניידער, אויף דער וועלט?...
„איך לעב"... אַ שווערליכע קעלט
נעמט אָן ביים האַרץ, פאַרפלוכטע נויט!
אַז דאָס הייסט לעבן,—וואָס איז טויט?!

דער שניידער נייט א. ז. וו.

די מעזינקע אויסגעגעבען.

העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט
גליק האָט ער מיר געבראַכט
הוליעט קינדער אַ גאַנצע נאַכט!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (צוויי מאָל)

שטאַרקער, פרייליכער,
דו די מלכה איך—דער מלך,
אָי, אָי, איך אליין
האָב מיט מיינע אויגען געזען,
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען:
די מעזינקע אויסגעגעבען! (צוויי מאָל)

איציק-שפיציק, וואָס שוויגסטו מיט'ן שמיציק?
אויף די כלי-זמר גיב אַ געשריי;
צי שפילען זיי, צי שלאָפען זיי?
רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (צוויי מאָל)

אייזיק מזיק, די באָבע גייט אַ קאָזיק
אָהן עין-הרע זעט נאָר, זעט,
ווי זי כופעט ווי זי טרעט?
אָי, אַ שמחה, אָי אַ פרייד!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (צוויי מאָל)

מאָטעל, שמעון, די אָרימע לייט געקומען,
שטעלט פאַר זיי העם שענסטען טיש,
טייערע וויינען, טייערע פיש,
אָי, מיין טאָכטער גיב מיר אַ קוש!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (צוויי מאָל)

דער טייערער פעטער יאָשע
און די גוטע מומע סאָסיע
האָבען מיר צום חתן-מאָל
טייערע וויינען אָן אַ צאָל
מיר געשיקט פון ארץ-ישראל.
די מעזינקע אויסגעגעבען! (צוויי מאָל)

ניסים ונפלאות:

פארשריבן און בעארבעט פון דירינענט **חנן גלעזער.** מיט לעבהאפטי:



דער רבי קען טאָן, ניסים,
האָב איך אַליין געזעען:
ער איז אַריין אין וואַסער,
און איז אַרויס איין נאַסער!
אוי! אוי! אוי, אוי, אוי! ניסים ונפלאות!
אוי אוי אוי! אוי אוי! ניסים ונפלאות!

דער רבי קען טאָן, ניסים
האָב איך אַליין געזעען:
ער איז אַריין אין בלאָטע,
און ריכט אַיין די קאַפּאָטע!
אוי! אוי! א. ז. וו.

דער רבי קען טאָן ניסים,
אין ליידן און אין פריידן.
עס איז אַריין איין שטומער,
האָט ער אים ניט געהייסן ריידן!
אוי! אוי! א. ז. וו.

דער רבי קען טאָן ניסים,
הערט וואָס איז געווען:
עס איז אַריין איין בלינדער,
האָט ער אים ניט געהייסן זעען!
אוי! אוי! א. ז. וו.

דער רבי קען טאָן ניסים,
קאָנט איר ניט פאַרשטיין.
עס איז אַריין אַ קרומער
האָט ער אים ניט געהייסן גיין!
אוי! אוי! א. ז. וו.

ער זאָל לעבען.

ער זאָל זיין אַ בעטער פאַר זיינע חסידים,
בים באַם, בים באַם, בים באַם, באַם,
פאַר זיינע כשר'ע תלמידים,
בים-באַם, בים-באַם, בים-באַם, באַם!
פאַר זיינע כשר'ע תלמידים,
בים-באַם, בים-באַם, בים-באַם, באַם!

שלמה, נתן, חיים, זינדעל, (2 מאָל)
בים-באַם א. אַ. וו.
בערעל מיט זיין גאַנץ געזינדעל,
בים-באַם א. אַ. וו.

ער זאָל זיין אַ בעטער גאָר אַ הייסער (2 מאָל)
בים-באַם א. אַ. וו,
ער זאָל זיך מיען ביי אונזער קייזער,
בים-באַם א. אַ. וו.

איינע פון די קלענסטע זאַכען (2 מאָל)
בים-באַם א. אַ. וו.
דעם אַקציז פון בראָנפען אָוועקצומאַכען
בים-באַם א. אַ. וו.

עס וועט דאָך זיין אַ פריילך לעבען, (2 מאָל)
בים-באַם א. אַ. וו.
מען וועט טרינקען בראָנפען לכבוד דעם רבין
בים-באַם א. אַ. וו,

די אַלטע קשיא

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא;
—טראַ-לאַ-טראַ-די-רי-די-ראָם?
ענטפערט מען:
טראַ-די-רי-די-ריי-לאָם!
און אַז מען וויל קאָן מען דאָך זאָגען:
—טריי-דים!
בלייבט דאָך ווידער די אַלטע קשיא;
—טראַ-די-רי-די-ריי-לאָם
ענטפערט מען—

וואָס־זשע ווילסטו מיין טייער קינד?

וואָס זשע ווילסטו מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ שוסטער-יונג?
—ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ שוסטער־יונג קלאַפּט די פלעקלעך,
און פּאַטשט־אויס דעם ווייב די בעקלעך
ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ שניידער־יונג?
—ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ שניידער־יונג נייט כאַלאַטען,
און שעלט דאָס ווייב אין טאַטענס טאַטען...
ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ סטאָליער־יונג?
—ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין
אַ סטאָלער־יונג קלאַפּט דעם קאַסטען,
און דאָס ווייב לאָזט ער פאַסטען,
ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ בעקער־יונג?
—ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ בעקער־יונג באַקט דאָס ברויט
און זיין ווייב מאַכט ער דעם טויט
ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין.

וואָס זשע ווילסטו מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ לערן-יונג?
—ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין,
אַ לערן-יונג קוועטשט די באַנק
און זיין ווייבעל מאַכט ער קראַנק
ניין, טאַטע ס׳איז נישט שיין.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ סוחר־יונג?

—יאָ, טאַטע דאָס איז גוט!
אַ סוחר־יונג האַנדעלט מיט סחורה
און קושט דאָס ווייבעל ווי אַ תורה.
יאָ, טאַטע דאָ איז גוט!...

דער בעל־עגלה.

פאָר איך מיר אַרויס אין אַ ענגער בויד,
מיט פערדעלעך פיר אין דער ברייט;
אַ חושך, אַ וויוגע, מען זעט נישט די וועלט,
די וועגען פאַרשאָטען, פאַרשנייט.

ווי־אָ, ווי־אָ, פערדעלער, ווי־אָ, ווי־אָ, אָדלערלעך
הויבט נאָר די קעפּעלעך הויך!
פירט די פאַרשווינדעלעך,
טרייסעלט די ביינדעלעך
ווי־אָ, אַז גיין זאָל אַ רויך

איין פאַרשוין בעט זיך: רבי יודל, פאָרט גיך,
איך דאַרף דאך צום גוטען יודען;
אַ צווייטער בעט זיך: פּאַמעליכקע פאָרט
אוי, מיינע מערידען...

ווי־אָ, ווי־אָ פערדעלעך, ווי־אָ, ווי־אָ, אָדלערלעך.
הערט נישט וואָס ס׳ריידען די לייט!
וואָס מיר גוטע יודעלעך, וואָס מיר מערידעלעך,
ווי־אָ! אַ קרעטשמע איז נישט ווייט!

געקומען אין אַ קרעטשמע שפּעט אין דער נאַכט
און טרעף דאָרט אַ דייטשעל ביים וואָג;
אַ ייד אַ בעל חשבון אַן אייזערנער קאָפּ,
און ער מאַכט אַ לחיים ביז טאָג.

אוי, אוי קרעטשמערל, אוי, אוי דייטשעלע,
לעבען זאָלט איר לאַנגע יאָר׳
גיט מיר אַ כוס׳ע,
אָבער אַ גרויסע—
ווי־אָ! גיט נאָך אַ פּאָר!

גענומען אַ כוס׳ע, אַ צווייטע און—יאָ,

ער שמייכעלט און פרייט זיך מיין דייטש;
פאַרטרונקען די פערדעלעך, פאַרטרונקען די בויד,
געקומען אַהיים מיט דער בייטש...

יאָ, יאָ ווייבעלע, יאָ, יאָ טייבעלע,
אַ גראָשען אויף שבת נישטאָ!
גאָר שאַ, שאַ, זאָרג גאָר נישט.
שאַ, שאַ, קלאָג גאָר נישט,
וויאָ! אַ גאָט איז נאָך דאָ!!!

חשבון צדק.

היי פיוו יאַ או נידיליו
אי פראָפּיוו יאַ ווסיו נאדיו!
טרעבאַ זנאַטי יאַק הוליאַטי
יאַק באָהאַ פּאָכוואליאַטי!
איבער 100 יאָהר יאַק אומאַראַטי
חשבון צדק אָטדאַוואַטי—
אַ מי פּיאָם טאַם הולאַיעם,
ואַתה תשמע מן השמים!

היי פיוו יאַ או פאָנידילאָק
אי פראָפיוו יאַ ווסיו זאַסיוואָק
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

היי פיוו יאַ או ווטאָראָק
אי פראָפיוו יאַ וואָלאָוו סאָראָק
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

היי פיוו יאַ או סערעדו
אי פראָפיוו יאַ ווסיו טשערעדו
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

היי פיוו יאַ או טשעטווער
אי אָסטאַווסיאַ יאַק טעפער—
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

היי פיוו יאַ או פיאַטניצו
אי פראָפיוו יאַ ווסיו קראָמניצו
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

היי פיוו יאַ או סובאָטו
אי פראָפיוו יאַ ווסיו ראָבאָטו—
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

פאָהרט א יוד קיין ארץ־ישראל.

אין מיטען וועג שטעהט אַ בוים,
שטעהט ער איינגעבויגען;
פאָהרט אַ יוד קאן ארץ־ישרא
מיט פערוויינטע אויגען.

גאָט, גאָט, ליבער גאָט!
לאָמיר דאַווענען מנחה,—
אַז מיר'ן פאָהרען קיין ארץ־ישראל,
וועט זיין אַ גרויסע שמחה!

א פאסטוכל.

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטוכל, אַ פּאַסט.
איז אים פערלאָרען געגאַנגען
זיין איינאונאיינציג שעפּעלע.
גייט ער, זעט ער אַ פור מיט שטיינדעלעך, מיט שטיינדעלען
האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז פון שעפעלע די ביינדעלעך
זאָגט ער: אדוני, אדוני, אדוני,
טשי נע באַטשיוו טי?
טשי נע ווידזיאַל טי?
מאָיעי אָווצי?
מאַכט ער:
—ניעט!
בידא, בידו,
נעמאַ, נישטאָ,
אַ יאַק זשע
דאָ דאָמו פרידו...

גייט ער, זעט ער אַ פור מיט דערנערלעך, מיט דערנערלעך,
האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז
פון שעפּעלע די הערנערלעך,
גייט ער, זעט ער אַ פור מיט ניסעלעך, מיט ניסעלעך,
האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז פון שעפעלע די פיסעלעך.
זאָגט ער: אדוני, אדוני, אדוני,
טשי נע באַטשיוו טי?
טשי נע ווידזיאַל טי?
מאָיעי אָווצי?
מאַכט ער:
—ניעט?
בידא, בידו,
נעמאַ נישטאָ,
אַ יאַק זשע יאַ,
דאָ דאָמו פרידו...

הוליעט, הוליעט

הוליעט. הוליעט, בייזע ווינדען,
פריי בעהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגען, ווארפט די בוימער,
טוט וואס אייך געפעלט!

טרייבט די פויגעל פון רי וועלדער
און פעריאגט זיי פארט!
די, וואס קענען ווייט נישט פליהען,
טויט זיי אויפן ארט.

רייסט די לאדען פון די הייזלעך,
שויבען ברעכט ארויס!
ברענט א ליכטעל ערגעץ טונקעל,
לעשט מיט צארן אויס!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען,
יעצט איז אייער צייט
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
ז'מער איז נאך ווייט!..

זיי א שוץ מיר...

זיי א שוץ מיר, זיי א שוועסטער
און א מאמע מיר אפילו,
לאז מיין קאפ אין שויס דיר לעגען
אויסצוגיסען דיר מיין תפילה...

און פארנאכט, אין צייט פון רחמים
וועל איך עפנען דיר מיין טענה:
מ'זאגט, ס'איז ערגעץ דא א יוגענד—
וואו איז מיינע?

און א סוד נאך וועל איך פרעגען:
כ'בין פערברענט פון שעה'ן טריבע
מ'זאגט, ס'איז ליבע אויף דער וועלט דא—
וואס איז ליבע?...

שטערען האבען מיך בעטראגען,

און דער חלום איז קיין וואָהר נישט
איצטער אין דער וועלט דער גאַנצער
האָב איך גאָרנישט...

זיי אַ שוץ מיר, זיי אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפילו,
לאָז מיין קאָפּ אין שויס דיר לעגען,
אויסצוגיסען דיר מיין תפלה...

מ. ראזענפעלד.

געבאָרן אין 1862 יאָר אין באָקשא
סובאלקער גוב.

די חניכה־ליכט.

אָ, איהר קליינע ליכטעלעך!
איהר דערצעהלט געשיכטעלעך,
מעשה׳לעך אָהן צאָהל;
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט
בריה׳שאַפט און מוטהיגקייט,
וואונדער פון אַמאָל.

ווען איך זעה אייך שמינקלענדיג,
קומט אַ חלום פינקלענדיג!
רעדט אַן׳אַלטער טרוים:
—„יוד, דו האָסט געקריעגט אַמאָל
אָך, דו האָסט געזיעגט אַמאָל”—
גאָט, עס גלויבט זיך קוים!...

„ס׳איז ביי דיר אַ טאָלק געווען,
ביזט אַמאָל אַ פאָלק געווען,
האָסט אַמאָל רעגירט;
האָסט אַמאָל אַ לאַנד געהאַט,
האָסט אַמאָל אַ האַנד געהאַט”—
אַח, ווי טיעף דאָס ריהרט!

אָ, איהר קליינע ליכטעלעך!
אייערע געשיכטעלעך,
וועקען אויף מיין פיין;
טיעף אין האַרץ בעוועגט עס זיך
און מיט טרעהרען פרעגט עס זיך:
וואָס וועט איצטער זיין?...

חנוכה ליכטעלאך

מ. ראזענפעלד — לעא לאוו





טייערע מלכּה

טייערע מלכּה
געזונט זאָלסטו זיין!
גיס אָן אין בעכער,
איז בעכער דעם וויין.

אוי אוי וויי, אוי וויי א. ז. וו.

לחיים וויל איך טרונקען
און טאַקע אָן אַנ׳עק.
פאַר די וואָס זיינען געפאָרן
אויף אייביק אַוועק.

אוי אוי ווײ א. ז. וו.

איך וואָלט געטרונקן פאַר מיינע שונאים
נאָר זאָג זיי ניט אויס,
קוק טרערן שפריצן פון בעכער,
פון דעם בעכער אַרויס.

אוי אוי ווײ א. ז. וו.

זינגט העכער, און העכער
גאָט דו ביסט גרויס!
באַהאַלט מלכה דעם בעכער,
דאָס לידל איז שוין אויס.

אוי אוי ווײ א. ז. וו.

שלאָף מיין קינד!

(אַ וויעג-ליעד.

שלאָף מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שענער
שלאָף, מיין זוהנעגיו!
שלאָף מיין קרוין, ביין קדיש איינער,
ליולינקע ליו-ליו.

ביי דיין וויעגעל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליעד און וויינט;
וועסט אַמאָל פערשטעהן, מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

„אין אַמעריקאַ” דער טאַטע
דיינער, זוהנעניו!
ביזט אַ קינד נאָך, שלאָף לעת-עתה,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

דאָס „אַמעריקע” פאַר יעדען,
זאָגט מען, איז אַ גליק,
און פאַר יודען אַ גן-עדן—
עפּעס אַ אַנטיק.

דאָרטען ווייסט מען פון קיין גלות,
גזרות, זוהנעניו,
פון קיין צרות, קיין יללות,
שלאָף זשע, שלאָף: ליו-ליו.

דאָרטען זאָגט מען, זענען יודען
קיין עין-הרע רייך.
יעדער לעבט זיך דאָרט צופריעדען,
אַלע זענען גלייך.

דאָרטען עסט מען אינדערוואָכן
חלה, זוהנעניו!
יאַיכלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכען,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

נאָר דערווייל לאָמיר האָפען,
אוי, וואָס קאָן מען טהון?

כ׳וואָלט שוין לאַנג צו איהם געטראָפן,
וויים איך נישט וואוהין...

גאָט וועט הייסען, וועט ער שיקען
בריוולעך, זוהנעניו!
גאָר אין גיכען אונז בעגליקען,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

ער וועט שיקן צוואַנציג דאָלאַר,
זיין פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבען זאָל ער,
אונז אַהינצו צו.

ער וועט אַלץ פון אונזערטוועגען
שאַפען, זוהנעניו,
און וועט פאָהרען אונז אַנטקעגען,
שלאָף זשע, שלאָף, ליו-ליו.

און וועט כאַפּען דיך צום קושען,
שווייגען אַזש פאַר פרייד;
איך וועל קוואַלען טרערען גיסען,
וויינען שטילערהייט.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטעל,
דאַרף מען, זוהנעניו,
שלאָפען; ס׳איז אַ טייער מיטעל, —
ליולינקע, ליו-ליו.

יעדער האָט געהערט מן הסתם

יעדער האָט געהערט מן הסתם,
און אפשר געזעהן מיט די אויגען,
ווי דער ווינד טרייבט אַ שיף אויפן ים,
ווי זי פליהט פייל אויסן בויגען.

אָבער גיכער פון איהר פליהען געשווינד
מיינע יונגע יאָהרען אַוועק;
ווי לאַנג בין איך געווען אַ קליין קינד
היינט בין איך געעלטערט אַ שרעק.

נאטאשע.

מוזיק פון

געזונגען מיט ערפאָלג פון אַרטיסט ה׳ דוד ווידערמאַן.




mf
mf
mf
p cresc
p cresc.
8va basso
molto espressivo
molto espressivo
mf
mf



טיף בײַ דער װאָלגאַ אין טאָרף
שטײט אַ שמוציגער רוסישער דאָרף,
אײדער ס׳קומט זון=אונטערגאַנג
הערט זיך טענער פֿון באַלאַלײקן קלאַנג,
די װאָלגאַ רױשט אין דער שײנער נאַכט
די לבֿנה שטראַלט מיט איר צױבער און פּראַכט
האָרט בײַ דעם װאַסער זיצט שטיל אַ װײַב
שװאַרץ אירע האָר, שלאַנק איר לײַב
אין בליק ליגט מוט,
עס קאָכט אין איר דאָס בלוט
און זי הערט ניט זיך אַרום
דאָס דומפּפּע געבֿרום.

נאַטאַשע, שװאַרצע נאַטאַשע,
דאָרט בײַ דער װאָלגאַ
אין שנײ׳איקן לאַנד

דאָס בלוט קאָכט

הייס אין מיר און ראַשער
ווען די באַלאַלייקע קלינגט אין דיין האַנד.
נאַטאַשע, שוואַרצע נאַטאַשע,
קוש מיר די אויגן, קוש מיר געשווינד
גלעט מיר די האָר, אָ! שוואַרצע נאַטאַשע
כ׳וועל דיר דאַן דינען, טריי ווי אַ הונד.

זי אַנטלויפט דורך די בערג אַ הער,
דאָס אַנטלויפן איז געווען זער שווער
די פויערים זיי היטן זי גוט
דאָך קאָכט איר זודיגעס בלוט,
די ליידענשאַפט האָט אין איר ערוואַכט
האָט זי דעם וועכטער דימיטרי צו זיך געבראַכט
דערהרג׳ע דיין ווייב! עס איז מיין פאַרלאַנג
בלייב איך ביי דיר מיין לעבן לאַנג
ער פאַלט אויף די קני,
פעסט האַלט ער זי,
און ער קושט די קלייד
און איז אויף אַלעס בערייט.

נאַטאַשע, שוואַרצע נאַטאַשע א. ז. וו.

די ליבע איז אָפּגעקילט,
די ליידענשאַפט איז געשטילט
ווען זי פון זיינע הענד ווערט פריי
גיט זי אים איבער דער פּאָליציי.
רוהיג און קאַלט, איז ער צום טויט גרייט
הרג׳ט אים! הערט ער ווי מ׳שרייט
און ווי דער שטריק ארום האַלז אים פאַלט
נאָך איר איין בענקשאַפט אים באַפאַלט
ער הערט ווי זי לאַכט
עס ווערט אַרום אים נאַכט
צו דער ערד ער פאַלט
און ער מורמעלט געקוועלט.

נאַטאַשע, שוואַרצע נאַטאַשע א. ז. וו.

דער טאַטע און די קינדער.

אין הער אַ געשריי און אַ גוואַלד,
דער פאַטער זוכט די קינדער אין וואַלד. (צווינג)
סלישו וו׳ליסו הוקאַיע,
באַטקאַ סוואַי דיטי שוקאַיע. (צווינג)

קינדער, קינדער, וואו זענט איר געווען,
וואָס איר האָט זיין מיר אַזוי פאַרגעסען. (צווינג)
דיטי, דיטי, דע ווי בולי,
שאָ אַ מענע טאַק זאַבולי? (צווינג)

קינדער, קינדער, קערט זיך אום אַהיים,
ס׳איז מיר סמוטנע זיין אַליין. (צווינג)
דיטי, דיטי, ווערניטעס דאָ דאָמו,
באָ מענע סמוטנאָ ביט סאַמעמו. (צווינג)

פאַטער, פאַטער, ווי קאָנען מיר קומען צו דיר,
אַז היטער שטייען אַרום דיין טיר. (צווינג)
באַטקאָ, באַטקאָ, יאַק פרידטי דאָ טעבע,
קאָלי סטאָראָזשאָ, סטאָיאַט קאָלאָ טעבע. (צווינג)

קינדער, קינדער, לערנט תורה,
וועט קומען משיח במהרה. (צווינג)
דיטי, דיטי, אוטשיקעס טאָראָ,
טאָ משיח פרידע סקארא. (צווינג)

קאטארינא.

אני הלכתי ביער ושמעתי בת קול:
„קאטארינא מאַלאָדיצאַ פאָידי טיודאַ״!
קאַטאַרינאַ, מאָלאָדיצאַ, פאָידי סיודאַ,
וואָס מיינט מען?
—„כּת״—איז דאָך אַ „כּת״.
„רינה״—איז דאָך געזאַנג
איניינעם מאַכט דאָס:
כּת רינה מאָלאָדיצאַ פאידי סיודאַ!
מאָלאָדיצאַ פאידי סיודאַ—וואָס מיינט מען?
„כּלא״—איז דאָך פול, „דיצה״—איז דאָך פרייד.

אינאיינעם מאַכט דאָס:
כּתּ רינה מלא דוצה, פרידי סיודאַ!
פאידי סיודאַ, פאידו סיודא—וואָס מיינט מען?
„פדית"—דו האָסט דאָך אויסגעלייזט,
„שדי"—גאָטעניו אַליין.
אינאיינעם מאַכט דאָס:
כת רינה, מלא דיצה, פדית שדי,
אַ כתה פון געזאַנג, פול מיט פרייד,
האָסט אונז אויסגעלייזט, גאָטעניו.
שרייט זשע אַלע, אַלע אינאיינעם,
זינגט זשע פריילעך אָט אַזוי:
כת רינה, מלא דיצה, פדית שדי.
כתּ רינה, מלא דיצה, פדית שדי.

מיקיטקאַ.

אַך טי מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, שאָ סטאָבאָי בודע?
יאַק בודעש כוואָראַטי
אַ דאָקטאָר טעבע אָודע פריכאָדאַטי,
אַי רפואות טעבע בודע דאַוואַטי,
אַ טעבע, מיקיטקאַ, טאָ נע בודע פאָמאַהאַטי,
אַך וואַלאַי נע וואַלאַי, טרעבאַ אומיראַטי,
ולפני מלך מלכי המלכים דין וחשבון טרעבאַ אָטדאַוואַטי?
(צווינג)

אַך מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, שאָ סטאָבאָי בודע?
יאַק בודעש אומיראַטי!
אַ טרי סאַלאָמייקי בודיש פיד טאָבאָי פאָקלידאַטי,
אַ דיטקי מאַלענקי אַי זשינקאַ בודוט זאַ טאָבאָי פלאַקאַטי,
אַ חברה לויה בודוט טעבע וויבאַסאַטי,
אַ חברה קדישא בודעט טעבע זאַקאָפאַטי,
אַי מלאך הדומה פרידע אַי בודע ספיטאַטי:
„מה שמך"? יאַק זוואַטי?
אַ טי מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, „בודעש לעזשאַטי",
אַי נע בודעש זנאַטי יאַק אָטוויטשאַטי...
(צווינג)

צוויי טראָיקעס.

דער שניי איז געגאַנגען צוויי טעג נאָכאַנאַנד,
א שליט-וועג אַ חיות געוואָרען,
די פערדעלעך שטעהען אין שליטען געשפּאַנט,
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיג צום פאָהרען.

אַי, פערדעלעך, חיות! נו, זעץ זיך און פאָהר!—
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטען,
צוויי פערד פון די זייטען—ווי הירשען אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לייב אין דערמיטען.

דער קוטשער נעהמט באַלד אַלע לייצען אין האַנד,
— „נו, קינדערלעך, לעבעדיג, פרעהליך״!
דעם שליטען כאַפּט אויף מיט אַמאָל ווי אַ בראַנד...
—שטעה אייל זיך נישט, וואַרט-וואַרט פאַמעליך!

ניין, ברודער אומזיסט! ווי אַ פויגעל, אַ ווינד,
אַ פייל פונ׳ם בויגען, אַ וויכער,
זיי לויפען, זיי שוועבען—זיי פליהען געשווינד,
וואָס ווייטער—אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי אַ לאָקשענברעט גלאַט,
די זון שיינט פון אַלע פיער זייטען,
דער קוטשער—אַ מזיק, די פערדעלעך—זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

פאָהרט פריצים, קאַטאַיעט זיך—גליקליכע טעג!...
נאָר וואַרט נאָר, וואָס איז דאָס? פּאָסטאָי-קאַ!
ווער קריכט דאָס דאָרט? איי! אַראָב פונ׳ם וועג!...
דאָס שלעפּט זיך די יודישע טראָיקע...

אַ וואָגען—אַ פּאַלאַץ—די בויד איז געוועבט
פון גאַנצען תרי״ג אַלטע שטיקלעך,
די אָקסען מיט וואַקס פון הבדלה געקלעבט,
די רעדער געבונדען מיט שטריקלעך.

דריי קליאַטשעס—דריי אָדלערס! דריי לייבען, אַ שרעק!
זיי שפּרינגען נאָר, טאַקע ווי זשאַבעס...
ישׂראל׳יק׳על פאָהרט, פאָהרט און פאָהרט אָהן אַ ע׳ק

אַהיים צו פּאָספּעיען אויף שבת...

אַהיים. . אוי ווי ווייט נאָך, ווי ווייט איז זיין היים
ווי שווער, נעבעך איז די נסיעה;
עס זינקען די רעדער אין שמוץ און אין ליים
כאָטש טרינק זיך, כאָטש קריך אויף דער תליה!

עס זינקען די רעדער, עס טרעשטשעט דער סכך,
די זאַוויעסעס סקריפּען אין קנאַקען,
אָט, אָט איז אַ גרוב, אַ פּערזינקעניש—טראַך!
ער פליהט און צוברעכט האַלז און אַקען...

נאָר האָט נישט קיין מורא: ישראליק איז קלאָר,
איז בקי אין הלכת-עגלה—
ער שלעפּט זיך שוין כמעט צוויי טויזענט יאָהר,
דאָס איז דאָך פון אייביג זיין ראָלע...

ער שלעפּט זיך דורך פעלדער און וועלדער,
ער בלאָנדזשעט אין סטעפּעס, מדבריות,
ער האָט שוין געפּיהלט און ער ווייס שוין דעם טעם
פון אַלערליי ביטערע צרות.

ער האָט שוין בעגעגענט אי לייבען, אי הינד,
אי לצים, אי שלענג, אי גזלנים,
עס האָט ביז אין ביין איהם געשמיסען דער ווינד
דער האָגעל געפּאַטשט איהם אין פּנים.

עס איז אָבער גאָרנישט געוואָרען פון דעם,
בילט, כלבים, עד לב השמים!
זיין טראָיקעלע שלעפּט זיך נאָך ברוך-השם,
ער לעבט נאָך אין פאָהרט נאָך עד היום.

פיעל טראָיקעס געוואָרען שוין הינקעדיג, בלינד,
פיל גלעקלעך צובראָכען, פיל בייטשען צוריסען;
עס איז שוין קיין זכר נישטאָ פון די הינד,
וואָס האָבען אַמאָל איהם געביסען.

עס איז נישט געבליבען אַפילו דער אָרט
פון טויזענט פּאָטשטאָווע קוריערען און רייטער
און זעהט נאָר, ישראליקעלס טראָיקע—זי פאָהרט

זי שלעפּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער...

די יודישע טראָיקע—איהר קענט זי, איהר ווייסט?
מיר האָבען אויף איהר אַ חזקה...
די אַלטיטשקע יודישע טראָיקע—זי הייסט:
תשובה תפלה וצדקה ! . . .

דאָס געבעט.

רבונו־של־עולם !
נאָך ווענינ געליטען ?
ווען וועסטו רבונו־של־עולם,
פערשיטען ?

דעם אָבגרונד דעם טיפען,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

און ברייט איז דער אָבגרונד,
און טיף ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונזער בלוט ווי אַ שוואָם!...

עס ציטערט פון דאָרטען
דער וועהטאָג־געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די צייהן...

דאָרט ליגט די פערצווייפלונג,
דע שראָקען, פערבליפט,
מיט ליפען, ווי קויהלען
ביים בעכער פון גיפט...

רבונו־של־עולם !
נאָך ווענינ געליטען?
ווען וועסטו דעם שרעקליכען
אָבגרונד פערשיטען?

עס ווערען אין אָבגרונד,
וואו ס'מעסער נור בליצט,
מיט בלוט אויף די ריינסטע־
יודישע פערשפריצט...

דאָרט ברעכען די פליגעל
די אָדלער די גרעסטע,
דאָרט ווערען פערשטיינערט
די הערצער די בעסטע...

רבונו־של־עולם !
צי שפּראָצט דען דיין לויב
אין פוילען, אין פינסטערן
בלוטיגען שטויב?

מיין רוה־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו די מירטען גרינען !
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ;
וואו לעבענס וועלקען ביי מאַשינען—
אַ, דאָרטען איז מיין רוה־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו די פויגעל זינגען!
גע‌פינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטען קלינגען—
אָ, דאָרטען איז מיין רוה-פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ;
וואו טרעהרען רינען, צייהנער קריצען—
אָ, דאָרטען איז מיין רוה-פּלאַץ.

און ליבסטע מיך מיט וואַהרער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ!
און הייטער-אויף מיין האַרץ דאָס טריבע
און מאַך מיר זיס מיין רוהע-פּלאַץ.

אז דער רבי וויינט.

אַז דער רבי וויינט, אַז דער רבי וויינט,
וויינען דאָך אַלע חסידים, וויינען דאָך אַלע חסידים.
אוי אוי אוי, אוי אוי אוי,
וויינען דאָך אַלע חסידים.

אַז דער רבי לאַכט, אַז דער רבי לאַכט,
לאַכען דאָך אלע חסידים, לאַכען דאָך אַלע חסידים.
כאַ כאַ כאַ, כאַ כאַ כאַ,
לאַכען דאָך אַלע חסידים.

אַז דער רבי הוסט, אַז דער רבי הוסט,
הוסען דאָך אַלע חסידים, הוסען דאָך אַלע חסידים,
הו הו הו, הו הו הו,
הוסען דאָך אַלע חסידים.

אַז דער רבי ניסט, אַז דער רבי ניסט,
ניסען דאָך אַלע חסידים, ניסען דאָך אַלע חסידים,
אַפּטשי אַפּטשי אַפּטשי, אַפּטשי אַפּטשי אַפּשטי,
ניסען דאָך אַלע חסידים.

מיט א נאָדעל און אָהן א נאָדעל

מיט אַ נאָדעל און אָהן אַ נאָדעל,
נעה איך מיר בכּבוד גדול. (צוויי מאָל)

און אַז איך האָב אַ נאָדעל מיט אַ פאָדעם,
נעה איך מיר אָב די שענסטע בגדים.
מיט אַ נאָדעל א. אַז. וו.

און אַז איך האָב אַ נאָדעל מיט אַ פינגערהיט,
לעב איך מיר אָב מיין וועלטל בעריהט.
מיט אַ נאָדעל א. אז. וו.

אַבי איך נעם די שער אין אייזען,
קאָן איך שוין מיין ווייב און קינדער שפייזען,
מיט אַ נאָדעל א, אַז, וו.

איך פערלעג מיר אַ פיס אויף אַ פיס
און זינג מיר אַ לידע צוקער זיס.
מיט אַ נאָדעל א. אַז. וו.

שא, שטיל, מאכט נישט קיין גערודער.

שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין גערודער,
דער רבי געהט שוין טאַנצען ווידער,
שאַ, שטיל, מאַכט נישט קיין געוואַלד,
דער רבי געהט שוין טאַנצען באַלד.

און אַז דער רבי טאנצט,
טאַנצען מיט די ווענד;
לאָמיר אַלע פליעסקען מיט די הענד,
שאַ, שטיל א. אַז. וו.

און אַז דער רבי טאנצט,
טאַנצט דאָך מיט דער טיש,
לאָמיר אַלע קלאַפּען מיט די פיס.
שאַ, שטיל א. אַז. וו.

און אַז דער רבי זינגט
דעם הייליגען ניגון,
בלייבט דער שטן אַ טויטער ליגען,
שאַ, שטיל א. אַז. וו.

צו א באָרוועסער מיידעלע.

עס האָט אי געשנייט, אי גערעגענט,
און געהענדיג שנעל דורכ'ן גאַס,
א מיידעלע האָב איך בעגעגענט,
האַלב נאַקעט און באָרוועס, און נאַס.

זי האָט מיט די נאַקעטע פיסלעך
געפּאַטשט דעם פערגאָסענעם ברוק,
און עפּעס אַזוי פערדריסלעך
געשיינט האָט איהר קינדערשער קוק.

קליין מיידעלע, זאָג מיר, וואו געהסטו,
דורך רעגען, דורך שניי און דורך קעלט!
אָ, זאָג מיר, מיין קינד, כאָטש פערשטעהסטו,
ווי איבעריג דו ביסט דער וועלט?

דער וועלט, וועלכע לאָזט דיר דאָ זוכען
א לעבען דורך עלענד און לייד,
און וויל דיינע פיס נישט בעשוכען
נישט האַלטען דיין גוף אין א קלייד?

זאָג, זענען דיר פרעמד די געפיהלען,
דיר פאַלט גאָרנישט איין דער געדאַנק,
אז ווען זאָלסט אַיצט זיך פערקיהלען,
דאַן פאַלסטו אַוועק און ביזט קראַנק?

אָ, ווער וועט דיך דאַמאָלס קורירען?
אָ, ווער וועט פאַר דיר עפּעס טהון?
די וועלט וועלכע לאָזט דיך פערפריהרען?
דער גאָט וועלכער קוקט דיך נישט אָן!

ווי ווייט איך פערשטעה, איז מסתמא
פון לאַנג שוין און נישט נאָך פון היינט,
די נאַקעטע גאַס נאָר דיין מאַמע?
די שטיינער פון ברוק דיינע פריינד!

דיין צורה די בלייכע די דאַרע,
דערצעהלט מיר פון אַלעס מיין קינד!
דו ביזט דאָ א וואָלוועלע וואַרע,
געיאָגט און געשליידערט פון ווינד!

בעטראַכטענדיג שוין דיך בעלאָדען

מיט וועהטאָג, אויב נאָך נישט מיט כעס,
פערשטעה איך דעם גוואַלדיגן שאָדען,
וואָס דיר קען נאָך ברענגען די גאַס...

דיין באָרוועסקייט, קינד, דייַנע טרעהרען,
דיין געהן און נישט וויסען אַ וואו,
דערצעהלען מיר וואָס עס ווערען,
פון מיידלעך אַזעלכע ווי דו...!

דערפאַר ווערט דאָס האַרץ דיר צוריסען
דערפאַר הויבּ איך אויף א געשריי,
דערפאַר נאָר, יאָ, וואָלט איך דיך קושען,
דיר העלפען און שטילען דיין וועה.

דערפאַר מוז איך וויינען און קלאָגען!
אָ! דאָס קען אויך זיין מיט מיין קינד,
ווען מיך זאָלען צרות דערשלאָגען,
און איהר זאָל פערוואַרפען דער ווינד.

רויטע עפּעל...

רויטע עפּעל, גרינע שאָטענס,
גראָזען—סאַמעט, הימלען—זיידענס...
און אַ הילכיג טייך-געלעכטער
גיסט זיך טראָגט זיך פון דערווייטענס.

קום צוגעהן, מיין מיידעל-מלאך,
פרוכטען רייצען, צווייגען קנאַקען...
מיר אַן עפּעל, דיר אַן עפּעל
און אַ גנבה קוש אין באַקען.

קום צוגעהן, דאָ קלינגען, קלינגען...
לעצטע בלויע גלעקלעך-בלומען;
מיר א בלימעל, דיר אַ בלימעל
און אַ דריק צום ברוסט אַ שטומען.

קום... איך וועק דאָ גאָלד-חלומות
פון דער וועלט און פון מיין טרויער;
מיר אַ חלום, דיר אַ חלום
און אַ שטילען כוד אין אויער...

הערבסט ניגון.

צו אַ ברודער.

טעקסט א. רייזין.

מוזיק י. נאַטבעטער.

דער הימל פאַרצאָרנט,
די ווינטן — זיי בלאָזן;
וואו ביסטו, מיין ברודער,
פאַרגעסן פאַרלאָזן ?

וואו ביסטו, פאַרוואָרפן,
אין וואָס פאַר אַ שטעטל ?
צי האָסטו אַ דירה,
צי האָסטו אַ בעטל ?

איך זע אויפן הימל:
די וואָלקן — זיי שוועבן;
און זע איך זיי שוועבן,
דאַן ווייס איך דיין לעבן.

עס דרינגען די קלאַנגען,
פון ווינט אין מיין אויער;
עס גיסט זיך מיר, ברודער,
אין האַרצן דיין טרויער.

Die Nevioh.


Moderato.
Voice.
Ich seh kin - vi oh vie a - gro se jschi oh vet Ri - men auf mein lieb
folk jis ru - el fin gro se die gres - te fin fei ne bes - te
ve - len die jis ru-e-lim sein noch a mal gear beit mit sei schver gur un auf
her hot par-eh jim nor der-ra chim ve -
cha - nin vet in sie sich noch der ma nen in sei fih - ren in dem land dem nei - em

נחומ׳קע מײַן זוהן.

נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
װעמען האָסטו ליב, זוהנעניו? (צוויי מאָל)
—אַ יודיש קינד, טאַטעניו. (צוויי מאָל)

אוי, נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
װער איז דאָס מיידעל זוהנעניו? (צוויי מאָל)
—אַ בעל־הבתיש קינד, טאַטעניו, (צוויי מאָל)

אוי, נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
וויפיעל גיט זי נדן, זוהנעניו? (צוויי מאָל)
—קיין נדן האָט זי נישט, טאַטעניו, (2 מאָל)

אוי, נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
הייס איך זי נישט נעמען, זוהנעניו! (צוויי מאָל)
—פרעג איך נישט ביי דיר, טאַטעניו. (2 מאָל)

אוי, נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
װען װעלען זיין די תנאים, זוהנעניו? (צוויי מאָל)
—איך פאָר שוין צו דער חופה, טאַטעניו. (2 מאָל)

אוי, נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
װער װעט דיך בענשען, זוהנעניו? (צוויי מאָל)
—גאָט אין הימעל, טאַטעניו. (צוויי מאָל)

אוי, נחומ׳קע מיין זוהן! (צוויי מאָל)
גיב איך דיר מיין ברכה, זוהנעניו! (צוויי מאָל)
—גיב איך דיר מיין דאַנק, טאַטעניו. (2 מאָל)

א װאָלאַכ׳ל לאָמיר זינגען.

אַ װאָלאַכ׳ל לאָמיר זינגען,
אַ װאָלאַכ׳ל לאָמיר שרייען,
אַ װאָלאַכ׳ל לאָמיר זינגען,
לאָמיר שרייען!

אַ גאַנצע װאָך
האָרעװעט מען דאָך,
אויף שבת דארף מען לייען.

דאָרט, וואו די צעדער.

דאָרט, וואו די צעדער הויך די וואָלקען קיסט,
דאָרט, וואו די שנעלע ירדן׳ס־וועלע פליסט,
דאָרט, וואו די אַשע מיינער עלטערען רוהט,
דאָרט, וואו געגאָסען האָט מאַקאַבעער בלוט,
יענעס שענעס לאַנד, ביים בלויען וואַסער זאַנד,
דאָרט איז מיין ליבעס פאַטערלאַנד.

און זייט דער שונא האָט מיך פון דאָרט ענטריסען
אין פרעמדע לענדער אַזוי אָפט מיין בלוט צו גיסען,
בלייבט מיין האַרץ דאָך אין ציון דאָרט צוריק,
און דאָרט אין מזרח שטרעבט מיין נאַסער בליק,
מיין תפלה יעדען טאָג ריכט איך צום טעמפעל־וואַנז
איך בעט צוריקקעהר אין מיין פאַטערלאַנד.

און ווען עס איז מיר פון שיקזאַל דאָך בעשערט,
צו שטאַרבען פריה אויף פרעמדע לענדערס ערד,
דאַן לייגט מיך שנעל אין קבר׳ס קאַלטע ווענד,
מיט מיין פנים צו ציון היגגעווענט,
און שיט אויף מיין געזיכט ציון׳ס ווייסע זאַמד
דאַן טרוים איך פון מיין פאַטערלאַנד.

דאָרט רוה איך שטיל, רוהע מיט געדולד,
ביז פערגעבען ווערט מיין פאָלק זיין שולד,
ביז די מאָס פון צרות איז אָנגעפילט,
ביז מיין ווייטער וואונש ווערט ענדליך געשטילט,
און מיין עלענד פאָלק, מיט שטאַרקער האַנט,
קעהרט צוריק אין זיין פאַטערלאַנד.

פין וואַנען קומט א יוד?

פון וואַנען קומט אַ יוד?
פון וואַנען קומט אַ יוד?
פון וואַנען קומט אַ יוד?
—פון ליובאַוויטש! (ביס)
וואָס טהוט מען אין ליובאַוויטש? (3 מאָל)
— מען טרינקט בראָנפען און מען הוליעט
און מען טאַנצט אַ קאַראַהאָד. (פיר מאָל ביס)

אַ טרער אויפֿן אייזן.

(דועט.)

טעקסט מאָריס ראָזענפעלד. מוזיק ח. גלעזער.

אָ קאַלט און פינסטער איז די שאַפּ!
איך האַלט דעם אייזן, שטיי און קלאַפּ!—
מיין האַרץ איז שוואַך, איך קרעכץ און הוסט;
עס הויבט זיך קוים מיין קראַנקע ברוסט. } בּיס

איך קרעכץ און הוסט און פּרעס און קלער,
מיין אויג ווערט פייכט, עס פאַלט אַ טרער,
דער אייזן גליט;—דאָס טרערל מיין—
דאָס קאָכט און קאָכט און זידט ניט איין } בּיס

איך פיל קיין קראַפט, עס איז פערווענדט;
דער אייזן פאַלט מיר פון די הענד,
און דאָך דער טרער, דער הייסער טרער,
דער טרער, דער טרער קאָכט מער און מער } בּיס

עס רוישט מיין קאָפּ, עס ברעכט מיין האַרץ;
איך פרעג מיט וויי, איך פרעג מיט שמערץ;
אָ, זאָג, מיין פריינד אין נויט און פּיין,
אָ, טרער, פאַר וואָס זידסטו ניט איין? } בּיס

אָ, שטומער טרער, אָ, שטומע שפּראַך!
זאָג, האָב איך דיינע נאָך אסך?
צו דו בּיסט שוין דער לעצטער היינט,
פון אַלע מיינע הייסע פריינד? } בּיס

בּיסט אפשר גאָר אַ קוריער
זאָגסט אָן מיר, אַז עס קומען מער?
איך וואָלט עס וועלן וויסן, זאָג:
ווען ענדיגט זיך דער גרויסער קלאָג? } בּיס

איך וואָלט געפרעגט נאָך מער און מער
ביים אונרו, ביי דעם ווילדן טרער,
דאָ האָבּן זיך דערלאַנגט אַ גאָס
גאָר טרערן, טרערן אָן אַ מאָס
און איך האָב שוין פאַרשטאַנען גלייך,
אַז טיף איז נאָך דער טרערן טייך.

דאס בוימעלע.


Lento
nor ein Gott vet sein mit ins in dem land dem schenem schi ru sin-gen ve-len mir al-le in ei - nem
Andantino.
Auf dem bei ma-le in sein hei ma le hen gen vet jis ru liks fie da le auf dem fel da le
in sein vel da le sin gen vet er a lie de le die jis ru e lim vet sein git
dus seh ich bin vi oh got tu nin fer ges nor nit vet ki men die je
schi oh auf dem bei ma le in sein hei ma le hen gen vet jis ru liks fie de le
auf dem fel- de le in seim ve de le sin gen vet er a lie de le u men.


דָאם בן יְחִיד-ל

די שבועה.

מיר הויבען די הענד געגען מזרח און שווערען
ביי ציון, איהר פּאָהן, ביי איהר הייליגער ערד,
ביי אַלץ, וואָס מיר ליבען, וואָס הייליג מיר עהרען,
ביי אונזערע העלדענס צובראָכענעם שווערד.

ביי אונזער געשיכטע, וואָס איז אָנגעשריבען
מיט אונזערע טרעהרען, מיט אונזער בלוט,
ביי אַלץ, וואָס מיר שווערען דאָס פּאָלק הייס צו ליבען
און קעמפען פאַר איהם מיט ענערגיע, מיט מוטה.

מיר שווערען איהם ליבע, מיר שווערען איהם טרייהייט,
צוריק דאָס געוועהר ניט צו לעגען פון האַנד.
ביז וואַנען מיר וועלען ערקעמפען אין פרייהייט
אַ רוהיגעם לעבען אויף אייגענעם לאַנד.

מיר שווערען צורייסען די קייטען אויף שטיקער
פון זיין געבונדענע וואונדיגע הענד;
אַרונטערוואַרפען דעם יאָך פון די דריקער,
פערלאָזען דעם גלות, די פינסטערע ווענד.

און אויך ווען צו שטאַרבען אין מיטען דעם שטרעבען
איז אונז דאָ בעשערט, ניט בריינגענדיג איהם דאָרט,
דאַן וועלען מיר אַנדערע דעם גייסט איבערגעבען,
זיי זאָלען פערטרעטען אין שטרייט אונזער אָרט!

גבאי וואָס וויל דער רבי?

—גבאי!
וואָס וויל דער רבי?
—דער רבי וויל.
—וואָס?
—אַז די רביצין זאָל מוחל זיין געבען.
—ווער ווייסט וואָס?
—אַ שטיקעלע פיש.
—פאַר וועמענס וועגען?
—פאַר די חסידים׳לאַך, וואָס זיצען אַרום טיש.

עונג-לשבת בים, בים באם,
תענוג ליום-טוב טראַ לאַ לאַ לאַ לאַ לאַ.

—גבאי! וואָס וויל דער רבי? א. אַ. וו.
—אַ שטיקעלע פלייש.
—פאַר וועמענס וועגען?
—פאַר די חסידים׳לאך, וואָס לערנען תורה מיט שוויס
עונג לשבת א. אַ. וו.

—גבאי!
וואָס וויל דער רבי? א. אַ. וו.
—אַביסעלע לאָקשען.
—פאַר וועמענס וועגען
—פאַר די חסידים׳לאך וואָס לערנען תורה ווי אָקסען
עונג-לשבת א. אַ. וו.

—גבאי!
וואָס וויל דער רבי א. אַ. וו.
—אַ ביסעלע צימעס.
—פאַר וועמענס וועגען?
—פאַר די חסידים׳לאך, וואָס לערנען תורה בנעימות
עונג-לשבת בים באָם א. אַ. וו.

קומט דער ליבער זומער.

קומט דער ליבער זומער,
שפילען מיר אין זאַמד;
וואו ס׳איז אונזער וואוינונג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשען רייסען מיר
רויטע לאָזען מיר שטעהן,
שענע סחורים נעמען מיר,
מאוס׳ע לאָזען מיר גערן.

שוואַרצער ציגייגער,
דו ביזט נישט מיינער;
אַז גאָט וועט דיר בעשערען
וועסטו מיינער ווערען.

ווי אזוי לעבט דער קייסער.

רבותי, רבותי, חכמים אָהן א ברעג!
כ,וועל אייך פרעגען, כ׳וועל אייך פרעגען!
—פרעג זשע פרעג זשע פרעג!
ענטפערט אַלע אויף מיין שאלה;
ווי טרינקט דער קייסער טהיי?
—טהיי?
מע נעמט אַ הוטעלע צוקער,
מע מאכט אין דעם אַ לעכעלע,
מע גיסט אַריין הייס וואַסער,
און מע מישט און מע מישט.
אוי אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי
אָט אַזוי טרינקט דער קייסער טהיי.

רבותי רבותי, חכמים אָהן אַ ברעג!
כ׳וו,ל אייך פרעגען, כ׳וועל אייך פרעגען!
פרעג זשע פרעג זשע פרעג!
ע.טפערט אַלע אויף מיין שאלה:
ווי עסט דער קייסער בולבעס?
— בולבעס?
מע שטעלט אַוועק אַ וואַנד מיט פוטער
און אַ סאָלדאַט׳ל מיט אַ האַרמאַט׳ל
שיסט דורך די פוטער מיט אַ הייסע בולבע
און טרעפט דעם קייסער גלייך אין מויל אריין
אוי אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אָט אַזוי עסט דער קייסער בולבעס.

רבותי רבותי, חכמים אָהן אַ ברעג!
כ׳וועל אייך פרעגען כ׳וועל אייך פרעגען!
—פרעג זשע פרעג זשע פרעג!
ענטפערט אַלע אויף מיין שאלה:
ווי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט?
—ווי ער שלאָפט?
מען שיט אָן אַ פולען חדר מיט פעדערן

און מע שליידערט אריין אהינצוצו דעם קייסער
און דריי ראַטעס סאָלדאַטען שטעהן און שרייען
שאַ!! שאַ!! שאַ!!
אוי אַט אַזוי, אוי אַט אַזוי,
אַט אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט!

אונטער דעם קינדס וויגעלע.

אונטעם דעם קינדס וויגעלע
שטעהט אַ גאָלדען ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען —
דאָס איז די בעסטע סחורה
דאָס קינד וועט לערנען תורה;
פלעצלעך מיט פוטער וועט׳ן איהם שמירן
און חדר אריין וועט מען איהם פיהרען
ספרים וועט ער שרייבען!
אַ גוטער און אַ פרומער ייד
וועט ער אם ירצה השם בלייבען,
שלאָף מיין קינד
פריש און געזונט,
אַ שלאָף אויף דיר אַ גוטער,
ווי פאַרטאָג אויף דעם היטער!

איך ווייס נישט...

איך ווייס נישט וואָס האָב איך
איך ווייס נישט וואָס פעהלט מיר;
איך ווייס נאָר—די ליכטיגע
זון איז פערשטעלט מיר.
איך ווייס נישט וואָס זינג איך,
צי ליבע, צי צאָרען,
איך ווייס נאָר—מיין האַרץ איז
פערשרפהט געוואָרען.
איך ווייס נישט צי לעב איך,
צי בין איך געשטאָרבען,
איך ווייס נאָר פערשימעלט
איז חמץ און פערדאָרבען.

אין הונדערט יאָר ארום.

פאַרשריבן און באארבעט פון י. ח. גלעזער.

Andantino.





פרייט אַ״יך קינדער עס קומט אַ נייע צייט
הערט אַ וואונדער עס וועט באַלד זיין אַלרייט!
איר דאַרפט אַייך גאָר ניט זאָרגן
ניט אומגיין צודולט
באַלד קומט אָן דער מאָרגן
איר קריגט דאַן וואָס איר ווילט.
וואָס אַ מויל קאָן ריידן
וואָס איין אויג נאָר זעט
פראַנק און פריי יעדן
איר דאַרפט נאָר טאָן אַ בעט
איך אַליין וועל אַייך דאָס געבן
איך שווער אַייך דאָ אַצינד
אויב איך וועל עס נאָר דערלעבן
און כ׳וועל נאָר זיין געזונד.

אין הונדערט יאָר אַרום, אין הונדערט אַרום,
ברענען וועט מען דאַן אַ וועלט
אָן אַ גראָשן געלט, אוי!
מיט מיין מאַמען וואָלט איך
יעצט געהאַט דעם גרעסטן שטרייט
ווער האַט זי געבעטן

זי זאָל מיר האָבן פאַר דער צייט
אין הונדערט יאָר אַרום
עס וואָלט ניט געווען קרום
ווען זי וואָלט מיך געהאַט
אין הונדערט יאָר אַרום.
(רעפּערייז ביס)

שכנים וועלן זיך ניט קריגן מער
און פאַר איין מאַרק וועט מען קריגן אַ שאָק אייער
ווייבער וועלן זיין געזונט און דיק
און קינדער וועט מען האָבן
צו 30 — 40 שטיק
מיידלעך וועלן מער ניט
דאַרפן קיין נדן
ווייל אויף יעדן אָרט
וועט זיך וואַלגערן אַ מאַן
קיין סנדק און קיין מוהל
וועט ניט זיין אין יענער צייט
ווייל יינגלעך וועלן געבוירן ווערן פאַרטיקערהייט.

אין הונדערט יאָר אַרום א. ז. וו.

שבועות צום סדר וועט מען זינגען זמירות
און אין ווילנע וועט מען
קריגן גאָר אומזיסטע דירות
דייטשלאַנד און פראַנקרייך
וועלן לעבן בשלום
דער מאַרק און דער דאָלאַר
וועלן האָבן איין פּנים
קבצנים און גבירים
עס וועט ניט זיין קיין קנאה
אַלע מתים וועט מען באַפרייען פון דאַנינע
אַכציק יאָריקע ווייבער
וועט מען נעמען פאַר סאָלדאַטן
און אין סיים וועלן בעטלעך שטיין
פאַר די שלאָפעדיקע דעפּוטאַטן.

אין הונדערט יאָר אַרום א. ז. וו.

דו זאָלסט נישט געהן מיט קיין פּאָטשעאָווער מעדאלאך.

דו זאָלסט נישט געהן מיט קיין פּאָטשעאָווער מיידאלאך,
דו זאָלסט נאָר געהן מיט מיר;
דו זאָלסט נישט געהן צו דיין מאַמעליו אין שטיבעלע,
נאָר קומען זאָלסטו צו מיר.
טראַלאַ לאַ א. אַ. וו.

וואו איז דאָס געסעלע, וואו איז דאָס שטיבאַלע?
וואו איז דאָס יונגאַלע, וואָס איך האָב ליב?
—נישטאָ דאָס געסעלע, נישטאָ שוין דאָס שטיבאַלע,
נישטאָ שוין דאָס יונגאַלע, וואָס איך ליב.
טראַלאַ לאַ א. אַ. וו.

אַ ליבע פאַנגט זיך אָן פון אַ שמייכעל,
פון אַ שמייכעל ביז צו אַ קוש;
עס נעמט אַוועק ביים קלוגסטען דעם שכל,
דאָס קלוגסטע מיידעל מאַכט דאָס צו נישט.
טראַלאַ לאַ. א. אַ. וו.

ווען דו וואָלסט געווענדער בורא עולם.

ווען דו וואָלסט געווען דער בורא עולם,
וואָס וואָלסטו געטהון?
ווען דו וואָלסט געווען דער בורא עולם,
וואָס וואָלסטו געמאַכט?
—כ'וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ'וואָלט געמאַכט אַ טשאָלענט ער זאָל אין אויוון נישט אריינגען,
דאָס וואָלט איך געמאַכט:
אַפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק געגעבען,
נאָר די חסידים'לאך...
הלואי הלואי, יואָלט דאָס אמת געווען. (צוויי מאָל)

ווען דו אָולסט געווען א. אַ. וו.
—כ'וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ'וואָלט געמאַכט אַ קוגעל ער זאָל אין טשאָלענט נישט אַריינגעהן,

דאָס וואָלט איך געמאַכט;
אפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק געגעבען,
נאָר די חסידים'לאך.
הלואי הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען! (צוויי מאָל)

ווען דו וואָלסט געווען א. אַ. וו.

—כ'וואָלט געמאַכט און געמאַכט:
כ'וואָלט געמאַכט אַ בית-עולם ער זאָל אין פּאַרקאָן נישט אַריינגעהן,
דאָס וואָלט איך געמאַכט;
אפּיקורסים און מתנגדים וואָלט איך אַ קרענק בעגראָבען
נאָר די חסידים'לאך..
הלואי, הלואי וואָלט דאָס אמת געווען! (צוויי מאָל)

אברהם'עלע מלמד.

אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!

ביי וועמען האָט מען פּסח צום ערשטען סדר געפונען
אַ גערשט אין די קניידלאָך?
— ביי אברהם'עלע מלמד!

אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אַברהם'עלע מלמד!
אברהם'עלע מלמד!
אברהם'עלע מלמד!

ביי וועמען האָט שבועות די קאַץ אויסגעלעקט די פּוטער
און ער איז געבליבען אָהן בלינצעס?
—ביי אַברהם'עלע מלמד!

אַברהם'עלע מלמד א. אַ. וו.

ווער איז ראש השנה געגאַנגען פאַר מועף אין מקוה
און האָט פערשפעטיגט די תקיעות?

—אברהם׳עלע מלמד!

אברהם׳עלע מלמד א. אָ. וו.

ביי וועמען איז ערב יום-כפור געפּגר׳ט דער ווייסער
האָהן און ער איז געבליבען אָהן אַ כפרה?

—ביי אַברהם׳עלע מלמד!

אַברהם׳עלע מלמד א. אָ. וו.

ביי וועמען איז סוכות אַראָפּגעפאַלען אין שוהל דער
אתרוג און ס׳האָט זיך אָבגעבראָכען דער פּיטום?

ביי אברהם׳עלע מלמד!

אַברהם׳עלע מלמד א. אָ. וו.

די דריי שוועסטער.

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטעהען טעגליך דריי שוועסטער,
די שוועסטער—זיי קען ווער ניט ווער.

די יונגסטע פערקויפט דאָרטען בלומען,
די מיטעלסטע—בענדלעך פון שיך
און שפעט ביי דער נאַכט זעהט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדעלט מיט זיך.

די איבריגע שוועסטער בעטראַכטען
די עלטערע שוועסטער אָהן האַס,
דען אַלע דריי שוועסטער פעראַכטען
די רוישענדע שטאָט אין די גאַס...

דאָך שפעט ביי דער נאַכט, ווען זיי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופען „א היים״,
בענעצען זיי בענדלעך און בלומען
מיט טרעהרען, וואָס פליסען געהיים...

פאָ חאסידאצקאָמו.

זאַהאַריי מענע, קאָזאַטשענקאָ
נאַ דודו, נאַ דודו.
פּאָ חאסידאַצקאָמו! (צוויי מאָל)
וואָס מען טאָר נישט
טאָר מען נישט, טאָר מען נישט, טאָר מען נישט
און וואָס מען מעג, טאָר מען דאָך אויך נישט
אוי, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט,
און ס׳גלוסט זיך נישט און ט׳ווילט זיך נישט
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
—ווייל כדי כחו וגבורתו לספּר,
איז אַ קאַפּיטעל תהלים
מיט אַ פּרק משניות,
מיט אַ בלעטעל גמרא,
טאַקי אויך נישט מכפּר.

זאַהאַריי מענע קאָזאַטשענקאָ
נאַ דודו, נאַ דודו,
פּאָ מתנגדסקאָמו! (צוויי מאָל)
וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען נישט, טאָר מען נישט, טאָר מען נישט
און וואָס מען מעג, מעג מען דאָך טאַקי!
אוי, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט,
כאָטש ס׳גלוסט זיך טון ס׳ווילט זיך
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
—ווייל כדי כחו וגבורתו לספּר
איז אַ קאַפּיטעל תהלים,
מיט אַ פּרק משניות,
מיט אַ בלעטעל גמרא!
טאַקי יאָ מכפּר.

זאַהאַריי מענע קאָזאַטשענקאָ
נאַ דודו, נאַ דודו,
פּאָ אַריסטאָקראַטסקאָמו! (צוויי מאָל)

אוי, וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען דאָך, טאָר מען דאָך, טאָר מען דאָך,
און וואָס מען מעג, מעג מען דאָך אַודאי!
אוי, מען מעג און מען דאַרף.
און ס'גלוסט זיך און ס'ווילט זיך
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
—ווייל כדי כחו וגבורתו לספר,
איז אַ קאַפּיטעל תהלים,
מיט אַ פּרק משניות,
מיט אַ בלעטעל גמרא,
סיי־ווי־סיי נישט מכפּר.

מיר ברעכען

די אויגען פול מיט צאָרען. פאַרגאָסען מיט בלוט
די הערצער זיי שלאָגען מיט קראַפט און מיט מוט!
מיר שטעהען ביי אַ הויכער געמויערטער וואַנד
מיט האַמערס און אייזענס און לאָמען אין האַנד—
מיר ברעכען. מיר ברעכען די אייזערנע וואַנד

די וואַנד איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פערצאַמט אונז די וועגען צום לעבען און גליק,
פערשטעלט אונז די ליכטיגע שיין און זי מאַכט
פון פרעהליכסטען טאָג אונז אַ טרויעריגע נאַכט—
מיר ברעכען, מיר ברעכען...

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנד ווען אַראָב
אַ שטיין, צו אַ ציגעל טרעפט ווען עמען אין קאָפּ,
די איבריגע בלייבען דאָך שטעהן גאָר אָהן שרעק
און אַרבייטען ווייטער. מען לויפט נישט אַוועק—
מיר ברעכען, מיר ברעכען.

די אַרבייט דאַרף דויערען, די אַרבייט איז שווער
פערזאַמעלט זיך ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגען פעסט אַ האַנד—
מיר וועלען די הויכע געמויערטע וואַנד
צוברעכען, צוברעכען!

די משומדת'טע.

איבערגעגעבן פון פרל. ראבינאָוויטש, אַראַנזשירט פאַר סאלא און קלאַוויר פון ה. גלעזער.

Andanto religioso,





ווי און וואונד צו דיינע יאָרן
וואָס דו ביסט אַ יידיש-קינד געבאָרן,
וועט דיין ליבע, דיר פאַרדאַרבן
און דו וועסט מוזן, אַ גויע שטאַרבן.

און דיין טאַטע וועט דיר פאַרשילטן
אַז דיין ליבע זאָל דיר ניט גילטן,
זאָלסט פון לעבן ניט געניסן
שטענדיק זאָל עס דיר פאַרדריסן

האָסט אים ליב, און אַנשטאַט נדן
וועסטו זיך אין איין קלויסטער שמד'ן
טאַטע מאַמעס, האַרץ צו קרענקן
און אויף דאגות צו געדענקן.

און אין שענקל וועלן גוים
שרייבן שיכורים, דיינע תּנאָים
און אין שענקל, שקצים וועלן—
דיר אַ גוישע חופּה שטעלן.

און דו וועסט לעבן ווי אַ גויע
אָן איין תּכלית און הנאָה
שבת הייצן, יום־טוב וואַשן
תּמיד די חזירים פּאַשען.

און די שכנים וועלן דיר ניט גריסן
עס וועט דיין „יחוס" זיי פאַרדריסן
און די שכנים וועלן זאָגן:
דו האָסט זייער גאָט געשלאָגן.

און דו וועסט שטאַרבן אין אַ טרומנע
נאָך דער גוישער אמונה
פירן וועלן דיר ערלים
מיט איין שוואַרצן צלם.

און דער גלח וועט זיך צו זינגען
און דער קלויסטער זיך צו קלינגען
יידן וועלן גיין און ברומען:
„אַ כפּרה" איינגענומען.

און אין הימעל וועט דער בורא
זיך דערמאָנען דיין עבירה
און זיין משפּט, וועט דיין שטראָף זיין
כּף־הקלע וועט דיין סוף זיין.

סיי אויף דער וועלט אַ פאַריאָגטע
סיי אויף יענער אַ פאַרפלאָגטע
ווייל דו האָסט „פאַרשעמט" דיין טאַטן
ווייל דו האָסט דיין פאָלק „פאַרראַטן".

וואָס וועסטו טהון אין פּאַלעסטינאַ?

ע ר: הער נאָר דו, שעהן מעדעלע,
הער נאָר דו, פיין מעדעלע,
וואָס וועסטו טהון אין פּאַלעסטינאַ?
וואָס וועסטו טהון אין פּאַלעסטינאַ?

ז י: איך וועל זייען, אקער׳ן, פלאנצען,
און פערגעסען אין גלות אינגאַנצען,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ.

ע ר: הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טראָגן אין פּאַלעסטינאַ?
וואָס וועסטו טראָגן אין פּאַלעסטינאַ?

ז י: איך וועל טראָגן אַ לייוואַנד קליידעל,
איך וועל זיך רופן דאָס יודישע מיידל,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ.

ע ר: הער נאָר דו שיין מיידעלע,
הער נאָר דו פיין מיידעלע
ווי אַזוי וועסטו ריידען אין פּאַלעסטינאַ?
ווי אַזוי וועסטו ריידען אין פּאַלעסטינאַ?

ז י: איך וועל דאָרטען העברעאיש ריידען
און פערגעסען אין די צרות און ליידען,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ.

ע ר: הער נאָר דו שיין מיידעלע
הער נאָר דו פיין מיידעלע
מיט וועמען וועסטו שפּאַצירען אין פּאַלעסטינאַ?
מיט וועמען וועסטו שפּאַצירען אין פּאַלעסטינאַ?

ז י: איך וועל שפּאַצירען מיט מיין שוועסטער און ברודער,
איך וועל נישט מאַכען קיין שום גערודער,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ,
אַבי צו זיין אין פּאַלעסטינאַ,

דאָס חלוצ׳ל.

בין איך מיר אַ חלוצ׳ל אַ חלוצ׳ל פון פוילען
געה איך מיר אַ אַנצוג׳ל שיכעלעך אָהן זוילען
חלוץ חלוץ חלוץ חלוץ חלוצל פון פוילען.
געהסט אַ אַנצוג לויטער לאַטעס
שיכעלעך אָהן זוילען.

הויב איך אָן צו לויפען גיך
אין פּאַלעסטינא-אַמט נאָך אַ סערטפיקאַט
בלייב איך אָהן שיך
און ווער מיהט און מאַט.
חלוץ חלוץ א. אַ. ח.

אַז עס האָט מיר ענדליך אָבגעגליקט
און אַ סערטפיקאַט אַרויסגענומען
מוז איך ערשט דריי חדשים וואַרטען
ביז איך וועל די „וויזע" באַקומען
חלוץ חלוץ א. אַ. וו.

מען פּאַקט מיך אַריין אין די באַהן
צום זיצען איז נישטאָ קיין פּיצעל פּלאַץ
מען מוז נעבעך שטעהן אַזוי
ביז מען קומט קיין גאַלאַץ.
חלוץ חלוץ א. אַ. וו.

אויף דער שיף איז אויך נישט בעסער—
און אין יפו נעמט אויף קאַראַנטין
מען האַלט מיך דאָרט אַזוי לאַנג
ביז איך ווער געל און גרין.
חלוץ חלוץ א. אַ. וו.

אַז מען בעפרייט מיך פון קאַראַנטין
הויבט זיך ערשט אָן נייע צרות
מוז מען אין אַ „צריף" שלאָפען
ווייל עס איז נישטאָ קיין דירות
חלוץ חלוץ א. אַ. ח.

שאַ, שטיל, די רביצ׳ן גייט!

פאַרשריבן און באַאַרבעט פון דירינענט

חנן גלעזער.

באוועגליך.





שאַ, שטיל! די רביצ׳ן גייט!
שאַ, שטיל! די רביצ׳ן גייט!
שאַ שטיל, די רביצ׳ן גייט!
די רביצ׳ן איז שוין דאָ!
אוי, די רביצ׳ן, אוי איז דאָס אַ רביצ׳ן!
וואו זי גייט, און וואו זי שטייט,
איז זי מלא חן,
און דער רבי הייבט די פּאָ־לע,
און די חסידים זינגען אַלע:
אַי אַי אַי! אַי אַי אַי! אַי אַי אַי אַי

שאַ, שטיל! די רביצ׳ן פאַרשפּרייט!
שאַ, שטיל! די רביצ׳ן פאַרשפּרייט!
שאַ שטיל, די רביצ׳ן פאַרשפּרייט!
אַ טישטוך אויף דעם טיש.
אוי, די רביצ׳ן, אוי איז דאָס אַ רביצ׳ן!
וואו זי גייט, און וואו זי שטייט,
איז זי מלא חן,
און די חסידים מיט די לאָקען,
טאַנצן אַרום מיט די ווייסע זאָקן!
אַי אַי אַי! אַי אַי אַי! אַי אַי אַי אַי!

דער רבי איז איבער'ן ים געפאָהרען.

אַמאָל איז דער, רבי איבער'ן ים געפאָהרען
אונזער רבי דער בעל־נס
אַ ווייטע נסיעה פון טעג און יאָהרען
האָט ער געמאַכט אין איין מעת־לעת.
אונזער רבי פאָהרט איבער'ן ים.
פאָהרען דאָך מיט חסידימלעך מן הסתם.
האָט די שיף אָנגעהויבען צו מאַכען העוית.
נאָר אונזער רבי איז געשטאַנען דערביי
אָבער די אפיקורסים די הולטייעס
זיי גלויבען נישט סיי־ווי־סיי.

אויף דער זאַוואַדסקע.

אויף דער זאַוואַדסקע וואוינט דאָך אַ פּאָרוטשנע,
זי האָט מיר פאָרוזשעט און געטראָפּען גיט; (צוויי מאָל)
אַז קיין יונגעל זאָל מען נישט גלויבען,
אַפילו ווען ער פאַלט פאַר דיינע טריט. (צוויי מאָל)

שפּאַצירען, שפּאַצירען, זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אַלע מיינע חבר'טאָרינס זענען מיר מקנא געווען; (צוויי מאָל)
נאָר מיינס אַ חבר'טאָרין פלעגט מיר אימער זאָגען,
אַז ער ליבט אַ צווייטע, ער וועט מיט מיר נישט געהן, (צוויי מאָל)

שפּאַצידען שפּאַצירען, זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אין דרויסען האָט אויסגעזען ווי אַ געדיכטער וואַלד;
אוי, וויפיל קוש דו האָסט מיר דאָרט געגעבען
אַזוי פיל הייסע טרערען אויף מיין געשטאַלט. (צוויי מאָל)

אין דרויסען מאַמעליו האָט זיך פאַרכמאַרעט.

אין דרויסען מאַמעליו האָט זיך פאַרכמאַרעט,
און אין שטוב איז פינסטער ווי אַ גריב;
דעם אמת ווייסטו מיין טייער מאַמעליו,
אַז איך האָב אים אמת ליב. (צוויי מאָל)

איך האָב אים ליב איך האָב אים ליב,
איך קאָן אָהן אים נישט לעבען קיין איין מינוט;
און אַז איך זע אים נישט פאַר מיינע אייגעלאך
טריפען טריפט זיך מיר טייכען בלוט (צוויי מאָל)

סלושאי

(פון גאָלץ מילער).

ווי שוואַרצע מחשבות ביים מסור אין זינען,
איז פינסטער פון טיף־הערבסט די נאַכט,
נאָך שוואַרצער פאַר איר איז די תפיסה, דער בנין;
וואָס שטייט ווי אַ דמיון פאַרטראַכט.

עס גייען אום רונד און אַרום איר די וועכטער
און ס׳ציט זיך דער לאַנגזאַמער שריי.
ווי עמיצער שרייט אונטער מעסער ביים שעכטער:
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

כאָטש הויך איז די וואַנט אַרום פינסטערן מויער,
די שלעסער־געגאָסענע שטאָל,
כאָטש אַלץ איז פערזונקען אין אומעט און טרויער
מען הערט נישט קיין מענשליכען קול—
און דאָך איז די תפיסה נאָך ווייט נישט געשטאָרבען,
דו וועכטער, פאַרדרעמעל נישט זיי;
נישט גלויב, אַז אין תפיסה שלאָפט רוהיג אַ קרבן!
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

אָט שטייט דער פאַרהאַפטער ביים פענסטער דעם הויכען,
דער קאָפּ ביי דער גריל שטאַרק פאַרטראַכט,
די ברענענדע אויגען פון פנים דעם בלייכען
פאַרזונקען אין חושך פון נאַכט.
ס׳איז שטיל... נאָר עס שרייט ווען־נישט־ווען אויס אַ שפּאַרבער
צי ס׳הערט זיך אַ הונטס בילעריי
און ס׳ציט זיך דער ניגון, דער טרויעריג־האַרבער.
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

„נישט טעג און חדשים, נאָר יאָרען און יאָרען
„זיך איך דאָ אין תפיסה פאַרשמידט!
„מיין האַרץ איז אָן פרייהייט צעווייטאָגט געוואָרען...
„ניין! ליידען מער קען איך שוין נישט!
אָט דאָרט, הינטער וואַנט, איז די הייליגע פרייהייט,
„און דאָ—נאָר אַ שפּיז אָדער בליי!

אָ, פינסטערע נאַכט, דו באַווייז מיר דיין פרייהייט״!
סלו־שאַ־אי! סלו־שאַ־אי!

אַ שפרונג און אַ פאַל... גיכע טריט... אַ געררודער...
אַ קנאַק און אַ בליאַסק און אַ שאָס!...
אַ מענש האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיין ברודער
און פרעגט אים און פרעגט אים „פאַרוואָס״!
עס הערט זיך דעם שטאַרבענדענס לעצטע יללה:
„אָ! פרייהייט!... אָ! לעבען!... פאַרביי״!...
עס ענטפערט אויף דעם נאָר, אַ שומר און א קללה...
סלו־שאַ־אי! סלו־שאַ־אי!!

עס האָט דורך דעם וואָלקען די בלייכע לבנה
געגעבען פון הימעל אַ בליק,
און ווי אַ פאַרצאָגטע פאַרוויינטע אַלמנה
באַהאַלטען דאָס פנים צוריק.
און ווידער אין תפיסה איז אַלץ ווי געשטאָרבען,
און ס׳יאָמערט דער קול אויף דאָס ניי;
ווי עמיצער קלאָגט אויף דעם קבר פון קרבן:
סלו־שאַ־אי! סלו־שאַ־אי!!

לאָמיר אַלע אינאיינעם.

דעם רבין מקבל פנים זיין, לאָמיר אַלע אינאיינעם,
לאָמיר אַלע אינאיינעם (ביס)
דעם רבי׳ן משמח זיין;
לאָמיר אַלע אַלע אינאיינעם (ביס)
טרינקען אַ גלעזעלע וויין.

לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם, די חתן־כלה מקבל פנים זיין,
לאָמיר אַלע אינאיינעם (ביס)
די חתן־כלה משמח זיין;
לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם (ביס)
טרינקען אַ גלעזעלע וויין.

---

*) דאָס ליד איז זעהר פאָפולער אויף אלע יודישע חתונות מיט דעם ליד איז מען מקבל פנים אלע געסט ביים וואָרט „חתן־כלה״ קאָן מען אויך אנווייזען אויף א פערזאָן אין איהם אָנרופען ביים נאָמען.

אַ נדר.

(קופּלעט)

מיין פעטער האָט זיך פאַרליבט, אין אַ מומע
ווייל זי איז אַ גרויסאַרטיגע מאַדאַם,
און זי טראָגט אַפּאָר געלע סאַפּאָזשקעס,
מיט אַ רויטן סאַראַפאַן.
טראָגן טראָגט זי אַ טאַנגאָ שליאַפּע
מיט אַ געלן פעדער,
און וואָס עס טוט זיך ביי איר אונטערן פעדער...
טאָר מען ניט אויסזאָגן פון חדר.

אוי אַ נדר, אוי אַ נדר,
אַז מען טאָר ניט אויסזאָגן פון . | ביס.

וואָס זאָגט איר אויף היינטיגע קאַוואַלערן,
זיי שפּאַצירן אַזוי שפּעט אין דער נאַכט
ווען זיי קומען צוריק פון שפּאַצירן
שוין לאַנג דער טויער צוגעמאַכט.
שפּאַצירן זיי מיט מאַדמאַזועלן
אַלע נאַכט צוזאמען
און וואו זיי גייען מיט זיי בסדר...
טאָר מען ניט אויסזאָגן פון הדר.

אוי אַ נדר א. ז. וו.

ווען איך בין אַמאָל אין חדר געגאַנגען
כ׳האָב געלערנט קמץ אלף אָ
און דער רבי האָט געהייסן זיצן,
זיצן דוקא אָט דאָ.
און איך האָב דעם רבין ניט געהערט
פלעג שטענדיק גיין בסדר
און וואו איך בין אַלע מאָל אַוועק...
טאָר מען ניט אויסזאָגן פון חדר.

אוי אַ נדר א. ז. וו.

די דומהייט.

אַך, ווי גיט איז מיר צו ליגען
בײ דעם אַרבייטסמאַן אין קאָפּ,
ס'איז מיין בעסטער פערגעניגען,
קיין זאַך געהט מיר דאָרט נישט אָב.
עסען עס איך זיין געהירען
(ס'איז אַ זעהר זיסער זאַפט).
אין דער שטיל—ער זאָל נישט שפּירען—
זויג איך אויס זיין דענקונגס־קראַפט.

איך בין בײ קיינעם אונטערטעניג,
איך אַליין האָב דאָרט די מאַכט,
איך רעגיר דאָרט ווי אַ קעניג,
ווייל עס איז דאָרט שטענדיג נאַכט...

ווי אַ פלעדערמויז פערשפּרייט איך
מיינע שוואַרצע פליגעל דאָרט,
און די פינסטערניש פערברייט איך,
כ'לאָז פאַר ליכטיגקייט קיין אָרט.

טאָמער קומט אַ שטראַהל געפלויגען
פון פערשטאַנד און וויל אַריין.
ליג איך דאָרט ברייט אויסגעצויגען
און איך שריי: „דאָס אָרט איז מיין"...

קריגט דער אַרבייטער אָכאָטע
צום פערשטאַנד: (אָ, גאָט בעהיט)!
שריי איך, ווי אַ פּראָש פון בלאָטע:
הער מיין פריינד, עס טויג דיר ניט...

און ווי דאַנקט מיר טראָהן און גלויבען
פאַר מיין הילף צו זייער ציעל!
איך די דומהייט, העלף זיי רויבען,
טרייבען זייער טייוועל־שפּיל.

איך די דומהייט, בין דער קירכעס
בלאַנקער צוויי־געשאַרפטער שווערד
נאָר דורך מיר, אָהן מיה, אָהן טרחות,
רויבט זי זיך די גאַנצע ערד.

איך די דומהייט, העלף פערציהרען
אין אַ זומפּ דעם אַרבייטס־מאַן,
כ'הייס איהם דולדען די וואַמפּירען,
שאַפען אוצרות דעם טיראַן.

איך בין דאָס דער שוואַרצער שלייער,
וואָס פערשטעלט דעם וועג צום גליק,
איך בין דאָס דער קאָפּ־פערדרעהער—
כ'הייס די מענשהייט געהן צוריק...

דאָך... איך ציטער!... אָ, די טויטען...
עפּעס דוכט מיר... דוכט מיר אב
אַז דער אַרבייטער וועט בייטען
מיר, זיין שכן פון זיין קאָפּ...

דען אין פוסטען שוואַרצען מוח,
וואו איך הערש מיט ווילדער מאַכט,
דרינגט פערשטאַנד אַריין מיט כח,
און מיין שאָטען־טראָהן צוקראַכט...

און דו אַקערסט.

און דו אַקערסט און דו זייהסט,
און דו פוטערסט, און דו נייהסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פערדינסט?

וועבסט דיין וועבשטוהל טאָג און נאַכט
גראָבסט אונז אייזען פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אַריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.

נאָר וואו איז דיין טיש געברייט?
נאָר וואו איז דיין יום־טוב קלייד?
נאָר וואו איז דיין שאַרפער שווערד?
וואָסער גליק איז דיר בעשערט?

שאַפסט אונז אוצרות אָהן אַ שיעור,
אַלעסדינג. נאָר נישט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קייט...

מאַן פון אַרבייט, אויפגעוואַכט,
און דענק אין דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנד נאָר וויל,
שטעהען אלע רעדער שטיל!...

פּאַ טים באַצי דונאַיו.

פּאַ טים באַצי דונאַיו,
צי דאַלעקאַ וויד קראַיו,
פּאַטופּאַיו, פּאַטופּאַיו.

ויראה רינוננו עד ערב.

קריטשיט קאַזאַק: ראַטוטע,
ראַטו מענע מאַטושקאַ!
פּאַגיבאַיו, פּאַגיבאַיו.

ויראה פדיוננו עד ערב.

נימאַ וועסלאַ אי טשעלנא,
אומיראַט פּרישלאַ פּאָראַ,
פּאַטופּאַיו, פּאַטופּאַיו.

וואַרשעווער קאַדעטען.

וואַרשעווער קאַדעטען
זיי זענען וואוילע יונגען;
זיי האָבען אויסגעקליבען א סופּניק
ער זאָל זיי לידער זינגען.
(צווינג אָהן ווערטער)

דער ערשטער פון דער באַנדע
איז יאַנקעלע דער קליינער;
דער צווייטער פון דער באַנדע
איז נחומ'ל דער שענער.
(צווינג)

דער דריטער פון דער באַנדע
איז דוד האָפּטשיקטשאַק;
דער פערטער פון דער באַנדע
איז משה קורעלאַפּ.
(צווינג)

ווי ס'געוואָרען נאַכט
זיצען זיי און טראַכט,
ווען מען צו בעשניפּען
די היינטיגע נאַכט.
(צווינג)

ווי ס'געוואָרען טאָג
אוי, א יאָמער און א קלאָג,
א יאָמער און א בראָך —
אין פענסטער ס'געוואָרען א לאָך..
(צווינג)

מ'גיט שוין צוואַנציג רובעל
צו פערדרייבען, אוי, דאָס מעבעל;
מע גיט שוין צוואַנציג רו"כ
צו פערייבען, אוי, די זאַך...
(צווינג)

כ'בין א מאַרעוויכע,
כ'האַנדעל מיט די סקאָקען...
כ'האָב אָבגענאַרט דעם ספּראַווניק
און אַנטלאָפען אין די זאָקען.
(צווינג

און אַז מע קען גישט גנב'ענען
נעמט מען זיך גישט אונטער;
און אַז מע קומט אין קיטשע
קרענקט מען א גאַנצען ווינטער
(צווינג)

לכבוד דעם היילגען שבת.

—רבּינוּ, רבּינוּ! (בּיכ)
—וואָס איז?
—רבּינוּ, רבּינוּ! (בּיס)
—וואָס איז?
—ס'איז נישטאָ קיין חלות אויף שבת.
—ס'עט זיין!
לכבוד שבת בים, לכבוד שבת באַם,
לכבוד דעם הייליגען בים באַם!
לכבוד שבת בים, לכבוד שבת באַם,

לכבוד דעם הייליגען שבת.

—רביניו א. אַ. וו.

—ס'איז נישטאָ קיין פיש אויף שבת

—ס'עט זיין.

לכבוד שבת, בים א. אַ. וו.

—רביניו א. אַ. וו.

—ס'איז נישטאָ קיין פלייש אויף שבת.

—ס'עט זיין!

לכבוד שבת בים א. אַ. וו.

מאטקא קאזאלא אזשעכוו אורוואטש

מאַטקאַ קאַזאַלאַ, קאַזאַלאַ, קאַזאַלאַ;
אַזשעכוו אורוואַטש; (צוויי מאָל)
יאַק וויסאָקע דזשעוויצקי,
יאַק ניזקע כלאָפּאַצקי,
ביע מאָגאָן דאָסטאַטש. (צוויי מאָל)

די מאַמע האָט געהייסען, געהייסען, געהייסען,
די ניסעלאך רייסען; (צוויי מאָל)
אוי ווי הויך זענען די בוימעלאך,
אוי ווי קליין זענען די אידעלאך,
זיי קאָנען נישט דערגרייכען. (צוויי מאָל)

איה״ש ביים רבי'ן.

געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!
גוטער ברודער, טייערער ברודער! (צוויי מאָל)
ווען, ווען ווען מיר זיך זעהען? (צוויי מאָל)
—אז גאָט וועט געבען
געזונד און לעבען,
איה״ש ביים רבי'ן
וועלען מיר זיך זעהען!

געוואַלד א. אַ. וו.

ווען, ווען וועלען מיר אַביסעלע משקה טרינקען א. אַ. וו

געוואַלד א. א. וו..

ווען, ווען וועלען מיר אַ רקוד'ל טאַנצען א. אַ. וו.

90 Żydowskich pieśni ludowych.

Księgarnia
T. Jakóbson i M. Goldberg
Warszawa, Dzika 32.

Zakł. Gr „Stereotyp“ Bonifraterska 11.